STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04759

DER LIGEN FUN DER HASENE

Max Simon Nordau

Permanent preservation of this book was made possible
by Elinor Tannenbaum
in memory of
beloved David Tannenbaum and Dr. & Mrs. Simon Wilensky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראדיקאלע פאלקס־ביבליאטהעק.

דער ליגען פון דער חתונה

פון

ד"ר. מאקס נארדוי.

לאָנדאָן, 1907.

ארויסגעגעבען פון
די ראדיקאל פובלישינג קאמפאני,
71 הענבורי סטריט, בריק ליין, איסט.

✱ דער ליגען ✱

— פון דער —

✱✱ חתונה ✱✱

1

דער מענש האָט צוויי מעכטיגע גרונד־אינסטינקטען, וועלכע בעהערשען זיין גאַנצעס לעבען און בעשטימען אַלע זיינע האַנדלונגען.— דער אינסטינקט פון דער זעלבסט־ערהאַלטונג און דער געשלעכטס אינסטינקט. דער אויסדרוק פון דעם ערשטען טריעב איז דער הונגער, דאָס בעדירפניס צו עסען, דער צווייטער אינסטינקט מאַניפעסטירט זיך אַלס ליבע.

די קרעפטען, וועלכע ווירקען ביי דעם אַקט ערנעהרונג און דער געשלעכטליכער פאָרטפפלאַנצונג זיינען אונז נאָך דונקעל און אונבעקאַנט, אָבער זייער אויסערליכע טהעטיקייט זעהען מיר קלאָר און דייטליך. מיר ווייסען ניט, וואַרום אַן אינדיווידואום מאַכט זיין ענטוויקלונג גראַדע אין אַ בעשטימטער צייט; מיר ווייסען אויך ניט וואַרום דאס שטאַרקע פערד קען נאָר אַלט ווערען 30 ביז 35 יאָהר, וועהרענד דער מענש וועלכער איז פיל קלענער און שוואַכער, קען עררייכען 70 יאהר. מיר ווייסען ניט, וואַרום די וואָראַנאַ לעבט איבער 200 יאָהר

און די גרעסערע גאַנז נאָר 20 יאָהר. וואָס מיר ווייסען אָבער, איז דאָס, אַז יעדעס לעבענדיגע וועזען האָט זיין בעשטימטע לעבענס־דויער, וועלכע איז געשטעלט :זוי דער מעכאַניזמוס פון אַ זייגער. דיזע לעבענס־דויער קען דורך פערשידענע אויסערליכע איינפליסע פערקירצט ווערען, אָבער מען קען איהר קיינמאָל ניט פערלענגערען. מיר דענקען אויך, אַז די עקזיסטענץ פון די מינים איז נאָר בעשריינקט אויף אַ געוויסען לעבענס עלטער און אַז זיי — פונקט ווי די אינדיווידוען — ענשטעהען אין אַ געוויסען אויגענבליק, אַז זיי עררייכען דעם העכסטען גראַד פון זייער ענטוויקלונג און דאַן שטאַרבען זיי אָב. די לעבענס־דויער פון אַ מין איז צו גרויס, צו אויסגעברייטעט, אַז דער מענש זאָל איהר קענען בעאָבאַכטען פערזענליך. אָבער די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען געבען אונז גענוג ערקלערונגען, וועלכע געבען אונז די וואַרשיינליכקייט, אַז די לעבענס־ענטוויקלונג פון די מינים איז די זעלבע ווי פון די אינדיווידוע' אַזוי לאַנג, אַן אינדיווידואום האָט ניט פערברויכט די לעבענס קראַפט, וועלכע עס האָט ערהאַלטען ביי זיין בעשאַפונגן זאָלאַנג שטרעבט עס מיט אַלע קרעפטען זיך צו ערהאַלטען און צו פערטהיידיגען געגען זיינע פיינד. אין דעם אויגענבליק' ווען אַ וועזען האָט פערלאָרען זיין לעבענס־קראַפט, פיהלט עס ניט מעהר קיין בעדירפניס זיך צו ערנעהרען און צו פערטהיידיגען און עס שטאַרבט. ביי די מינים מאַניפעסטירט זיך די לעבענס־קראַפט אַלס פאָרטפפלאַנצונגס־אינסטינקט. אַזוי לאַנג די לעבענס־קראַפט פון דעם מין איז שטאַרק און מעכטיג, זאָלאַנג שטרעבט יעדעס נאָרמאַלע אינדיווידואום מיט אַלע זיינע קרעפטען צו דער געשלעכטליכער פערבינדונג. ווען די לעבענס קראַפט פון דעם מין שוואַכט זיך אָב, דאַן פערשווינדעט אויך ביי די אינדיווידוען דער אינסטינקט צור פאָרטפפלאַנצונג. דאָס פערהעלטניס צווישען עגאָאיזמוס און

אַלטרואיזמוס ביי אַ געוויסען מין אָדער ראַסע איז דאָס זיכערסטע מאָס פֿאַר זיין לעבענס קראַפֿט.

ווען עס געפֿינען זיך אַ גרעסערע צאָהל פֿון אינדיווידוען, וועלכע דערשטיקען דורך זייערע פּערזענליכע אינטערעסען אַלע פֿפליכטען פֿון דער סאָלידאַריטעט, דאַן איז דאָס אַ זיכערער בעוויז פֿאַר די שוואַכע לעבענס־פֿעהיגקייט פֿון דער בעטרעפֿענדע ראַסע אָדער נאַציאָן. אָבער ווען עס געפֿינען זיך איניערהאַלב פֿון אַ נאַציאָן אָדער ראַסע פֿילע אינדיווידוען, וועלכע פֿערקערפערען אין זיך דעם אינסטינקט דער סאָלידאַריטעט און די געפֿיהלען פֿון דער אַלגעמיינהייט, דאַן איז דאָס אַ צייכען, אַז דיזע נאַציאָן אָדער ראַסע בעזיצט אין זיך אַ שטאַרקע לעבענס־קראַפֿט.

ווען אַ ראַסע אָדער נאַציאָן געהט ענטגעגען דעם אונטערגאַנג, דאַן פֿערלירען די אינדיווידוען די פֿעהיגקייט געזונד און נאַטירליך צו ליבען. די פֿאָרמען, וועלכע עקסיסטירען אין די בעציהונגען פֿון דיביידע געשלעכטער ביי אַ געוויסען פֿאָלק, בילדען דעם מאַסשטאַב פֿון זיין לעבענס קראַפֿט. פֿון דיזען שטאַנדפּונקט אויס בעטראַכטעט, זיינען די בעאָבאַכטונגען, וועלכע מיר קענען מאַכען ביי די אייראָפּעאישע פֿעלקער זעהר טרויריגע. די קאָרופּציאָן פֿון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע איינריכטונגען, האָט אויך פֿערגיפֿטעט דאָס געשלעכטליכע לעבען פֿון דיזע פֿעלקער. זי האָט פֿערדאָרבען די נאַטירליכסטע אינסטינקטען און צוליב דעם עקעלהאַפֿטען היפּאָקריטיזמוס, וועלכער בעהערשט אונזער גאַנצעס לעבען, אָפּפֿערט מען די צוקונפֿט פֿון די קומענדע גענעראַציאָנען.*)

צו אַלע צייטען האָט די מענשהייט בעגריפֿען — צו ערשט אינסטינקטיוו און שפּעטער מיט קלאָרען בעוואוסטזיין — אַז זייער עקזיסטענץ און פֿאָרטפּפֿלאַנצונג איז די וויכטיגסטע ערשיינונג פֿון זייער לעבען. אַלע אונזערע געפֿיהלען און

האַנדלונגען, וועלכע שטעהען אין אירגענד וועלכע בעציהונגען צו דיזען פֿאָרגעהמסטען אינטערעסע, האָבען אימער איינגענומען דעם גרעסטען פּלאַץ אין אונזערע געדאַנקען.

די ליבע בילדעט פֿאַסט אין גאַנצען דעם אינהאַלט פֿון דער שעהנער ליטעראַטור פֿון אַלע פעלקער און צייטען, דען זי האָט געהאַט דאָס גרעסטע אינטערעסע פֿאַר דעם לעזער.

דאָס נאַטירליכע רעזולטאַט פֿון דער ליבע איז די געשלעכט־ליכע פֿערבינדונג צווישען מאַן און פֿרוי; און עס גיט ניט קיינע אַנדערע האַנדלונג, וועלכע האָט פֿעראורזאַכט אַזעלכע צערמאָ־ניען, פֿאָרברייטונגען און אומשטענדליכקייטען, מיט וועלכע די מעהרסטע פֿעלקער בעגלייטען דיזע פֿעראייניגונג זיי זאָלען אין מענשען ערוועקען דאָס בעוואוסטזיין, אַז דיזע פֿעראייניגונג האָט ניט אַליין אַ פּריוואַט כאַראַקטער, דען איהרע קאָנזע־קווענצען בעריהרען די אינטערעסען פֿון דער גאַנצער ראַסע.

וואָס האָט אָבער אונזער קאָרומפּירטע ציוויליזאַציאָן געמאַכט פֿון דער פֿערבינדונג צווישען מאַן און פֿרוי? זי האָט ערנידריגט דיזע פֿעראייניגונג צו אַ געוועהנליכען געשעפֿט, וועלכעס גיט דער ליבע פּונקט אַזוי וועניג פּלאַץ, ווי דער קאָנטראַקט צווישען צוויי קאַפּיטאַליסטען, וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט צו אַ געמיינשאַפֿטליכער אונטערנעמונג.

עס איז וואַהר! מען ערקלערט אויך נאָך היינט, אַז די הייראַט האָט דעם צוועק פֿאָרט צו פֿפּלאַנצען די ראַסע; אָבער דיזע ערקלערונג איז ניט מעהר ווי אַ לעכערליכער ליגען, דען אין דער ווירקליכקייט האַנדעלט עס זיך ניט אום די געגענזייטיגע אַנציהונג פֿון צוויי פֿערשידענע געשלעכטס־וועזען, זאָנדערען אום געוועהנליכע מאַטעריעלע אינטערעסען.

די מאָדערנע הייראַט ענטהאַלט ניט קיין שפּור פֿון אינערליכע צונייגונג, זי איז ניט דער אויסדרוק פֿון אַלטרואיס־טישע געפֿיהלען, זי איז דער אויסדרוק פֿון דעם געוועהנליכסטען

עגאָאיזמוס.

מע הייראַטעט, אום צו פֿערבעסערען זיינע פֿערמעגענס־פֿערהעלטניסע, אום זיך צו שאַפֿען אַן עקזיסטענץ, אום צו בעפֿרידיגען זיין אייטעלקייט אָדער אום צו געניסען געוויסע פֿרייהייטען און פריווילעגיען, וועלכע די געזעלשאַפֿט ערלויבט ניט צו אונפֿערהייראַטע פֿרויען. מע דענקט וועגען אַלעס ביי דער חתונה, וועגען דעם סאַלאָן און די קיכע, וועגען די בעלער און פראָמענאַדען, אָבער די הויפּטזאַכע פֿערגעסט מען געוועהנליך, דאָס שלאָפֿצימער, אין וועלכען עס ווערט בעשאַפֿען די צוקונפֿט פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק, די קומענדע גענעראַציאָן, דיזעס הייליגטהום שפּילט ביי דער חתונה זעהר אַן אונבעדיי־טענדע ראָלע. מוז ניט דער אונטערגאַנג זיין דאָס אונפֿערמיידליכע שיקזאַל פֿון די פֿעלקער, וועלכע ענטוויקלען זיך אונטער אַזעלכע בעדינגונגען ?

עס גיט נאָר צוויי אַרטען פֿון בעציהונגען צווישען מאַן און פֿרוי: די איינע גרינדעט זיך אויף די געגענזייטיגע אַנציהונג, דאַרום איז זי בערעכטיגט און מאָראַליש. די אַנדערע זוכט נאָר אין דער פֿערבינדונג די בעפֿרידיגונג פֿון זעלבסט־זיכטיגע אינטערעסען און איז דאַרום ניט אַנדערש ווי אַ פראָסטיטוציאָן אין בעוואוסטע אָדער אונבעוואוסטע פֿאָרמען.

די פראָסטיטוטקע, וועלכע געהט אַם אַבענד אין די גאַסען און פֿערקויפֿט איהר קערפּער פֿאַר אייניגע זילבער שטיקע, און דער קאָמעדיאַנט, וועלכער שמייכעלט זיך אונטער ביי אַן אַלטער משוגענער, וועלכע בעצאָהלט איהם דערפֿאַר, זיי ביידע בעלאַנגען צו דער אָבטהיילונג דער פראָסטיטוציאָן און יעדער איינער מוז דאָס עפֿענטליך צו געבען.

אָבער ווער קען מיר צייגען דעם אונטערשיד צווישען דעם מאַן, וועלכער לאָזט זיך ערנעהרען פֿון אַ געוועהנליכער פראָסטיטוטקע, און דעם מאַן, וועלכער שמייכעלט זיך אונטער

ביי דער טאָכטער פֿון אַ רייכען און איינפּלוספֿאָלען מאַן, ניט וויל ער ליבט איהר, נאָר וויל ער האָט ניט קיין אַנדער מיטעל צו ערלאַנגען רייכטהום און מאַכט.

ווער קען מיר ציגען דעם אונטערשיד צווישען דער געוועהנליכער פּראָסטיטוטקע, וועלכע פֿערקויפֿט זיך צו אַן אונבעקאַנטען, צוליב איניגע געלד שטיקע און דער אַנשטענדיגער כלה, וועלכע פֿעראייניגט זיך מיט אַ מענשען, וועלכען זי ליבט ניט, נאָר דערפֿאַר, וויל ער גיט איהר רייכטהום, אַ פֿאָרנעהמע שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט, גאָלד און שמוקזאַכען אָדער אפֿשר נאָר דאָס טעגליכע ברויט?

די אורזאַכען זיינען אין ביידע פֿעלע די זעלבע, די האַנדלונג איז די זעלבע און ווער עס ליבט וואָהייט און גערעכטיקייט, דער מאַכט אויך ניט קיין אונטערשיד אין די נעמען.

די מוטער, וועלכע זוכט אַ „פּאַסענדען" מאַן פֿאַר איהר טאָכטער, די מוטער וועלכע ווענדעט אָן אַלע מיטלען צו בעזייטיגען די נאַטירליכע גלייכגילטיקייט פֿון דעם יונגען מעדכען צו אַ מענשען, וועלכען זי ליבט ניט, דיזע מוטער איז ניט מעהר, ווי אַ געוועהנליכע פּראַצענטניטשקע, פּונקט אַזוי ווי דאָס עקעלהאַפֿטע וייב, וועלכעס מאַכט אַ לעבען דורך די פֿערפֿיהרונג פֿון אונשולדיגע מעדכען. דער אונטערשיד איז נאָר דער, אַז די ערשטע גילט אין דער גאַנצער וועלט אַלס אַ בכבוד'יגע און ערענטליכע פֿרוי, וועהרענד די אַנדערע ווערט פֿערפֿאָלגט דורך די געזעצע.

דער עלעגאַנטער שאַרלאַטאַן, וועלכער בעזוכט די פֿיינסטע בעלער און קאָנצערטען, אום צו געפֿינען אַ „גוטע פּאַרטיע," דער שאַרלאַטאַן, וועלכער ערקלערט דער טאָכטער פֿון דעם מיליאָנער זיינע „אויפֿריכטיגסטע" ליבע און טרייקייט, דענקענדיג דאַביי, אַז ער וועט בעצאָהלען מיט איהר געלד

געלד זיינע מלוים און מעטרעסען, דיזער שאַרלאַטאַן איז פונקט דער זעלבער פֿערדאָרבענער לומפּ, ווי יענעם עקעלהאַפֿטע אינדיווידואום, וועלכעס לעבט פֿון דער שאַנדע דער פּראָסטיטוטקע, און וועלכע זאָגאַר אַ פּאָליציסט יוויל ניט אָנגרייפֿען מיט די נאַקעטע פינגער.

דאָס מעדכען, וועלכעס פֿערקויפֿט איהר קערפּער, אפשר אום צו ערנעהרען אַן אַלטע מוטער אָדער אַ קליין קינד, דיזעס מעדכען שטעהט מאָראַליש פֿיל העכער, ווי די „אונשולדיגע" יונג־פרוי, וועלכע לעגט זיך אין בעט מיט אַ רייכען געלד־זאַק, אום צו בעפֿרידיגען איהר בעדירפֿנים נאָך קאָנצערטען, בעלער און באַדע־רייזען. אַ מאַן, וועלכער בעצאָהלט אַ געוועהנליכע פּראָסטיטוטקע, פֿאַר דעם גענוס, וועלכע זי ביטעט איהם, איז יעדעס פֿאַל פֿיעל לאָגישער און פֿערנינפֿטיגער, ווי דער יעניגער, וועלכער קויפֿט זיך אַ לעבענסלענגליכע ביישלעפֿערין [פּלגש] דורך אַ הייראַטהס קאָנטראַקט. ביידע זיינען ניט מעהר, ווי פּראָסטיטוטקעס, די געזעצליכע ביישלעפֿערין און די געוועהנליכע, דען זיי פֿערפֿאָלגען ביידע דאָס זעלבע ציעל, די מאַטעריעלע אינטערעסען.

עס עקזיסטירט נאָר איין אונטערשיד צווישען די ביידע פֿעראייניגונגען. דער מאַן, וועלכער זוכט זיין פֿערגניגען ביי געווענליכע פּראָסטיטוטקעס, האָט ניט צו טראָגען קיינע קאָנזעקווענצען, וועהרענד דער בעזיצער פֿון דער לעגיטימער ביישלעפֿערין איז פֿערפֿליכטעט זיין גאַנצעס לעבען. יעדע פֿערבינדונג צווישען מאַן און פֿרוי, וועלכע עס ווערט געשלאָסען צוליב דער מאַטעריעלער פֿערזאָרגונג איז ניט מעהר, ווי אַ געוועהנליכע פּראָסטיטוציאָן, און דער כאַראַקטער פֿון דיזער פּראָסטיטוציאָן בלייבט גאַנץ דער זעלבער, אויב אַ פּריסטער אָדער א בעאַמטער זאָל מיטווירקען ביי דער פֿערבינדונג אָדער נאָר אַ פּראָסטע פֿאַקטאָרקע.

דאָס איז אָבער דער כאַראַקטער פֿון די מעהרסטע הייראַטען, און ווען עס געפֿינט זיך אַמאָל אַן אויסנאַהמע, דאַן איז עס אַזאַ זעלטענהייט, אַז די אַלגעמיינהייט לאַכט און מאַכט זיך לוסטיג איבער דעם דומען און אונפּראַקטישען אידעאַליזמוס פֿון די בעטרעפֿענדע צוויי מענשען.

מעדכען, וועלכע בעזיצען ניט קיין פֿערמעגען, ווערען פֿון זייערע קלוגע עלטערען זאָצוואָגען פֿערמליך דרעסירט, צו דערשטיקען יעדעס נאַטירליכע געפֿיהל אין זייערע הערצער און זייערע ליבענסווירדיגקייט, זייער „זיסען שמייכעל" אָבצוּמעסטען נאָך דער סומע, וועלכע אַ יונגער מאַן וועכענטליך פֿערדינט, און ווען דאָס „אונשולדיגע קינד איז ניט גענוג קלוג און קאָקעט זיך אַליין צו כאַפּען אַ לעבענס-לענגליכען פֿערזאָרגער און ערנעהרער, דאַן קומען די קלוגע און „ערפֿאַרענע" מומעס און פֿעטערס, די פֿרוי מאַמאַ און דער הערר פּאַפּאַ און אונטערשטיצען די בעמיהונגען פֿון דעם „הייראַטס לוסטיגען" מעדכען דורך גוט געמיינטע און קלוגע ראַטהשלעגע און בעלעהרונגען.

ביי דעם רייכען מעדכען איז די זאַך עטוואָס פֿערשידען. וועהרענד דאָס פּראָלעטאַריער-מעדכען שפּילט די ראָלע אַלס יעגערין, וועלכע זוכט צו כאַפּען אַ פּאַסענדען מאַן, וועהרענד דעם שפּילט די בעזיצערין פֿון גרויסע רייכטהימער די ראָלע פֿון'ם קרבן, וועלכע לאָזט זיך אַוועק כאַפּען פֿון אירגענד אַ הייראַטס יעגער, וועלכער זוכט אין דער חתונה אַ גוטעס געשעפֿט.

די יאַגד אויף רייכע יורש'טעס איז געוואָרען דער לעבענס בערוף פֿון אַ געוויסער קלאַס פֿון מענער, וועלכע בעטרייבען זייער געשעפֿט נאָך אַלע רעגעלען דער קונסט. דאָס טראָגט ווייסע הויזען און זיידענע וועסטען, דאָס האָט פֿיינע קראַוואַטען פֿון אויסגעוועהלטע פֿאַרבען, דאָס זעצט זיך אַ פענסנע אויף דיי נאָז און שטינקט מיילענווייט נאָך פּערפֿום און אָ'דע'קאָלאָן

דאָס טאַנצט פֿאָרטרעפֿליך און ווייסט צו דערציילען פֿון ספּאָרט און געזעלשאַפֿטס־שפּילען, דאָס קויפֿט בלומען און זיסע באָנ־באָנס און שרייבט ליבעס בריף אין פּאָעזיע און פּראָזאַ.

מיט אַזעלכע מיטלען ווערט די פֿערגאָלדעטע פּופּע געפֿאַנגען, און דאָס דומע בעשעפֿניס, וועלכעס האָט געגלובט צו שפּילען די ראָלע אַלס אידעאַלע ליבהאַבערין אין אַ טהעאַטער פֿאָרשטעלונג, געפֿינט ערשט שפּעטער אויס אַז זי איז נאָר געווען די הויפּטצאָהל אין אַ רעכענונג־אויפֿגאַבע, וועלכע האָט זיך אָב־געשפּיהלט אין די קאַסען־ביכער פֿון אירגענד אַ געשעפֿטסמאַן.

ביי פֿערבינדונגען, וואו די פֿערמעגענס־פֿערהעלטניסע זיינען אויף ביידע זייטען די זעלבע, איז די ליבע נאָר אַ לעכערליכער בעגריף. דאָרטען ווערט נאָר אָבגעוואָגען, געצעהלט און אָבגעמאָסטען. אָבער די פֿערבינדונג פֿון צוויי פּערזאָנען, וועלכע בעזיצען דאָס זעלבע פֿערמעגען, ד. ה. פּערזאָנען וועלכע זיינען ענטוועדער גלייך אָרעם אָדער גלייך רייך, דיזע פֿערבינדונג האָט וועניגסטענס נאָך איין פֿאָרטהייל, זי גרינדעט זיך ניט אויף דעם היפּאָקריטיזמוס.

דאָרטען זוכט מען גאָר ניט אָבצולייקענען די מאַטעריעלע גרינדע פֿון דער חתונה און מע האָט זיך שוין לאַנג צוגעוואָהנט די הייראַט צו בעטראַכטען אַלס אַ געשעפֿט, ווי יעדעס אַנדערע. די חתונה פֿעראייניגט אין דיזען פֿאַל ניט צוויי פּערזאָנען, זאָנדערען נאָר צוויי פֿערמעגען אָדער צוויי שטעלונגען.

דער מאַן זוכט אַ הויזפֿרוי, וועלכע זאָל איהם קאָכען אַ סופּ און פֿעריכטען זיינע אַלטע העמדער, און זי, די פֿרוי זוכט אַ מאַן וועלכער זאָל איהר ערנעהרען און פֿערזאָרגען אַ זיכערע עקזיסטענץ.

ווען דאָס פֿערמעגען פֿון די ביידע טהיילען איז ניט קיין גלייכעס, דאַן איז נאַטירליך אויסגעשלאָסען יעדע עהרליכקייט און אויפֿריכטיגקייט.

אין דיזען פֿאַל מוז דער ליגען און היפּאָקריטיזמוס ער־זעצען דעם מאנגעל אין רייכטהום. דאָס אָרמע מעדכען, וועלכעס שענקט איהרע נייגונגען צו אַ רייכען געלד־זאַק איז אַ ליגנערין, וועלכע פּראָסטיטואירט איהרע געפֿיהלען און דער עלענאַנטער שאַרלאַטאַן, וועלכער מאַכט יאגד אויף אַ גאָל־דענע פּופּע איז אַ געוועהנליכער היפּאָקריט און בעטריגער. אָבער זאָגאַר אין דיזען פֿאַל פֿייערט די נאַטור און וואַהרהייט אַ טריאומף; מע אַנערקענט די זיטליכע און פֿהיזיאָלאָגישע בעדייטונג דער ליבע און בענוצט איהר אַלס אַ מאַסקע פֿאַר דאָס הייראַטס־געשעפֿט.

וואָס איז נון דאָס שיקזאַל פֿון די מענער און פֿרויען, וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט אויף אַזאַ אַן אַרט?

דאָס רעזולטאַט פֿון אַזעלכע פֿערבינדונגען איז די דער־גענעראַציאָן, די פֿיזישע און גייסטיגע קאָרופּציאָן פֿון די קאָ־מענדע גענעראַציאָנען, וועלכע פֿערכינדען זיך עבענפֿאַלס נאָר צוליב די מאַטעריעלע אינטערעסען. דיזע טרויעריגע וועזענס זיינען בעשאַפֿען געוואָרען אָהנע ליבע און בעזיצען דאַרום אויך ניט די פֿעהיגקייט צו ליבען. זיי קענען אַלט ווערען אָהנע אויך נאָר צו פֿיהלען פֿאַר אַן אויגענבליק די אינערליכע אַרמ־קייט פֿון זייער לעבען.

דער מאַן פֿפֿלעגט זיין מאָגען און שטודירט די וויסענ־שאַפֿט פֿון גוטע וויינען און סיגאַרען, ער מאַכט זיך אַ גוטען נאָמען אין די קרייזען אין וועלכע ער פֿערקעהרט, ער געניסט די אַכטונג פֿון אַלע קלובס און ווען ער שטאַרבט עהרט מען זיין אַנדענקען אויף פֿערשידענע וויזען.

די פֿרוי אויף דער אַנדערע זייט, ערפֿינדעט וואַהנזיניגע מאָדען, זי טרוימט טאָג און נאכט פֿון נייע קליידער, גאָלד זאַכען א. ז. וו. זי אינטריגירט און פֿערלוימדעט אַנדערע פֿרויען און זי איז אימער בעריט צו צושטערען מיט טייפֿלישער

גרויזאַמקייט דאָס גליק און די ליבע פֿון אַנדערע. און ווען זי ענדליך שטאַרבט, לאָזט זי צוריק אַ ברייטע שפור פֿון פֿער־ניכטונג, אַזוי ווי אַ שרעקליכע קראַנקהייט.

ביידע, מאַן און פֿרוי, פֿיהרען אַ טרויריגעס, ליכטלאָזעס דאַזיין, דען זייער לעבען קען ניט די קלענסטע אידעאַלען. ניט פֿיהלענדיג קיין לוסט און ליידענשאַפֿט, קיין ליבע און הערצ־ליכקייט, האָבען זיי פֿערלאָרען יעדעס פֿערשטענדניס פֿאַר דאָס גרויסע און שעהנע און לעבען נאָר אין שמוץ און קאָרופּציאָן.

דיזע דעגענערירטע אינדיווידוען געפֿינען מיר הויפּטזעכליך אונטער דער בעזיצענדער קלאַסע. זיי בילדען אין דער זעלבער צייט די פֿאָלגען און אורזאַכען פֿון דער געשלעכטליכער קאָרופּציאָן.

דאָרטען הייראַט מען ניט צוליב געווויסע נייגונגען, זאָנדערען איינפֿאַך אום צו ערהאַלטען די געזעלשאַפֿטליכע שטעלונג און דאָס פֿאַרמעגען. און אויף דיזע ווייזע ערהאַלטען זיי ווירקליך די שטעלונג אין דער געזעלשאַפֿט און דעם רייכטהום, אָבער די בעזיצער פֿון די ביידע מוזען געהען צו גרונד.

דער זעלבסט ערהאַלטונגס אינסטינקט פֿון די ראַסע מאַני־פֿעסטירט זיך אין אַ קלאָרער און פֿערשטענדליכער ווייזע. די אונטערדריקונג דער ליבע, צוליב מאַטעריעלע אינטערעסען פֿיהרט צום אונטערגאַנג פֿון דעם מין און די דעגענעראַציאָן פֿון געוויסע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליען לאָזט זיך צו־ריק פֿיהרען אויף דיזע אורזאַכע.

אָבער נעבען דער קלאַסע פֿון די דעגענערירטע געפֿינען מיר אויך נאָך שטאַרקע, אונפֿערדאָרבענע אָרגאַניזמען, לעבענס־קרעפֿטיגע און ליבעס פֿעהיגע מענשען, וועלכע זיינען געוואָרען די שקלאַפֿען פֿון דער חתונה אויס אונפֿערשטאַנד, געדאַנקען־לאָזיגקייט אָדער פֿייגהייט. זיי זיינען צו פֿייג צו פֿיהרען אַליין

דעם קאַמפף אום דאַזיין, דאַרום האָבען זיי געשלאָסען אַ זאָ־
גענאַנטע, פערנונפטס־הייראַטה, וועלכע טראָגט איהר נאָמען,
ווייל זי איז געגרינדעט אויף דער גרעסטער אונפערנינפטיג־
קייט. („פערנונפטס־הייראַט" רופט נאָרדוי די יעניגע פערבינ־
דונג, וועלכע איז געשלאָסען געוואָרען צוליב מאַטעריעלע
אינטערעסען. איהר פונדאַמענט איז דער קאָפּ, די בערעכנונג
און ניט דאָס הערץ, די צונייגונג.) אַזעלכע מענשען מוזען
פיהלען די ראַכע פון דער נאַטור פריהער אָדער שפעטער,
און וואָס שפעטער זיי וועלען פיהלען דיזע ראַכע פון דער
בעליידיגטער נאַטור, דעסטאָ גרעסער וועלען זיין זייערע לייי־
דען. דאָס בעדירפניס צו ליבען איז טיף איינגעוואָרצעלט אין
זייערע הערצער און עס קאָסטעט זיי די גרעסטע שמערצען
און אַנשטרענגונגען דיזעס בעדירפניס צו אונטערדריקען, וועל־
כעס זוכט בעשטענדיג צו פערניכטען די פאָרמען פון דער
געזעלשאַפטליכער מאָראַל אין דער עפענטליכער מיינונג.

עס קען טרעפען, אַז אַזאַ אַן אינדיווידואום קומט זיך
קיינמאָל ניט צוזאַמען און לעבען מיט אַ פערזאָן, וועלכע
זאָל ערוועקען זיינע נייגונגען און ליבעס בעדירפניסע. אין
דיזען פאַל בעהאַלט די „פערנונפטס־הייראַט" איהרע אויסער־
ליכע פאָרם, ד. ה. דיביידע ווענען, וועלכע טראָגען אויף
זיך די חתונה קייטען, פיהרען פאַר דער אַלגעמיינער וועלט אַ
גוטעס און „אָרענטליכעס" לעבען. אָדער זייער דאַזיין איז אַן
אונצופרידענעס און אונפאָלקאָמענעס, דען זיי טראָגען אייביג
אין זיך אַ געפיהל פון אונפעהיגקייט, זיי האָפען אויף עטוואָס
אונבעקאַנטעס און אונבעגרייפליכעס, וואָס זאָל זיי בעפרייען
אוים דעם זומפ פון זייער לאַנגווייליגען און אינהאַלטסלאָזען
לעבען. זיי פיהלען אין זיך די אינערליכע ווידערשפריכע און
געגענזעצע פון זייער דאַזיין, זיי פערלאַנגען נאָך עטוואָס
פאָלקאָמענערעס און בעסערעס, עטוואָס, וואָס די פערנונפטס־

הייראַט, קען זיי קיינמאָל ניט געבען, און וואָס זיי קענען נאָר געפינען אין דער ליבע.

אויך דיזע מענשען־קלאַסע פיהרט אַ ניעדריגעס און אינטערעסענלאָזעס דאַזיין, דען עס פעהלט זיי דאָס אידעאַל, פונקט ווי די „דעגענערירטע", פון וועלכע מיר האָבען גע־שפראָכען בעפאָר. אָבער זיי זיינען נאָך אונגליקליכער ווי די לעצטערע, דען זיי האָבען דאָס בעדירפניס צו עטוואָס העכערעס און בעסערעס און קענען עס ניט בעפרידיגען. זיי זיי־נען ניט קיינע בלינדע, נייו, זיי קענען זעהען, אָבער זיי לע־בען אין דער דונקעלהייט און קענען זיך ניט דערפרייען פון די הערליכע זונענשטראַהלען.

דאָס איז די לאַגע פון די מענשען, וועלכע בעזיצען די פעהיגקייט צו ליבען, אָבער ניט דעם מוטה צו זוכען זייערע אידעאַלען. זיי האָבען זיך פערשקלאַפט צוליב מאַטעריעלע אינטערעסען און פיהרען אַ טרויעריגעס, שמערצליכעס לעבען.

אַזוי לאַנג ווי דיזע אינדיווידוען טרעפען זיך ניט צוזאַמען מיט אַ וועזען וואָס זאָל מאַכען אַן איינדרוק אויף זייערע לי־בעס געפיהלען, זאָלאַנג וועט זייער הייראַט זיין אַ רוהיגע און אונצורשטערבאַרע, ווייניגסטענס פאַר די אויגען פון דער וועלט.

ווען עס זאָלל אָבער פאַסירען, אַז אַזעלכע אינדיווידוען זאָלען זיך בעגעגנען מיט אַ וועזען, וועלכעס ערוועקט אין זיי די לוסט, דאָס בעדירפניס צו ליבען, דאַן איז די קאַטאַס־טראָפע אונפערמיידליך. דער קאַמפף צווישען ליבע און פפליכט, די זעהנזוכט זיך צו פעראייניגען מיט אַ ליבעס־פערוואַנטען וועזען ווערט אַזוי שטאַרק, דער ווידערשפרוך צווישען ליבע און חתונה אַזוי געוואַלטיג און די צורשטערונג פון דער איי־נער אָדער דער אַנדערער זאַך, מוז זיין דאָס נויטווענדיגע רע־זולטאַט פון דיזען קאַמפף. ענטוועדער וועט די ליבע פערניכ־

טעט אָדער די פוסטע פאָרם פון דער היראַט ווערט צו־שמעטערט.

אָבער עס גיט אויך נאָך אַ דריטען אויסוועג, און ווייל ער איז דער נידריגסטער און פייגסטער, דאַרום געפינט ער די מעהרסטע אַנווענדונג. אין דיזען פאַל בלייבט די פאָרם פון דער חתונה אונבעשעדיגט פאַר די אויגען פון דער וועלט, אָבער די ליבע זוכט און געפינט איהרע געהיימע אויסוועגען.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, ענטוועדער צוברעכט דער ליבענדער מענש די קייטען פון דער חתונה מיט גע־וואַלט, אָדער ער אונטערדריקט זיינן ליבע און אָפפערט דאַדורך דאס גליק פון זיין גאַנצען לעבען. געמיינע און פיינע נאַטורען ווענדען אָן דאָס דריטע מיטעל: זיי בעטריגען זייער הייראַטס־גענאָסען אָדער גענאָסין און בעדעקען זייערע האַנד־לונגען מיט דער מאַסקע פון׳ם ליגען און היפאָקריטיזמוס.

עדעלע און שטאַרקע כאַראַקטערע אָבער, זיינען צו־שטאָלץ אָנצואווענדען דאָס פיינע מיטעל פון דעם ליגען; זיי רעוואָלטירען געגען די פאָראורטהיילע דער וועלט און מוזען דאַרום דורכקעמפפען און דורכליידען דעם ביטערען קאַמפף אין דער טראַגעדיע צווישען ליידענשאַפט און פפליכט.

ווען אונזער געזעלשאַפט וואָלט געוועזן אָרגאַניזירט אויף אַ סאָלידאַרישער גרונדלאַגע, ווען זי וואָלט געהאַט אַ פער־שטענדניס פאַר די נאַטירליכע געזעצע פון די מינים, דאַן וואָלט זי זיך געשטעלט אויף די זייט פון דער ליבע און די־זען שווערען קאַמפף; זי וואָלט ערמוטהיגט דיביידע לי־בענדע מענשען און זיי צוגערופען: „איהר ליבט זיך, דאַרום פעראייניגט זיך!"

אָבער אונזער אָפיציעלע געזעלשאַפט איז באַזירט אויף דעם נידריגסטען עגאָאיזמוס, זי איז די פיינדין פון דער מענש־ליבער ראַסע, דאַרום שטעהט זי אויף די זייט פון דער חתונה,

אויף דער זייט פון דער פפליכט און זי בעפעהלט דיביידע ליגענדע מענשען, אַז זיי זאָלען זיך ענטזאַגען.

אָבער טראָטץ איהרער אונגאַטירליכקייט האָט די היינ־טיגע געזעלשאַפט דאָך בעגריפען, אַז עס איז א זאַך דער אונמעגליכקייט זיך פאַלשטענדיג צו ענטזאַגען פון דער ליבע, זי האָט בעגריפען אַז דאָס געבאָט דער ענטזאַגונג איז פונקט אַזוי גרוייזאַם, ווי דער בעפעהל צו בעגעהען זעלבסט־מאָרד. און בעגרייפענדיג די מאַכט פון דער ליבע רופט זי צו דעם מענשען: „ענטזאַג זיך!" אָבער זי גיט איהם גלייכצייטיג אַ וינק מיט די אויגען, וועלכער בעדייטעט אַזוי פיעל ווי: „לאָז־וויניגסטענס קיינער ניט מערקען".

אויף אַזאַ אַן אַרט קומט די ליבע דאָך שליסליך צו איהר רעכט, אָבער נאָר ביי די מענשען, וואָס זיינען גענוג פייגע איינצוגעהען אויף דעם היפּאָקריטיזמוס פון דער גע־זעלשאַפט. אַזוין ווערט די ליבע, וועלכע זאָל דעם מענשען פערעדלערען און פערבעסערען, די אורזאַכע דער ערנידריגונג און קאָררופּציאָן פון די כאַראַקטערע, וועלכע צווינגט דעם שוואַכען מענשען אַנצוואווענדען דעם ליגען, די פאַלשקייט און דעם היפּאָקריטיזמוס.

פאַר דער מענשליכער ראַסע זיינען די ווירקונגען פון דיזען קאַמפּף צווישען ליבע און חתונה זעהר שלעכט. פילע שטאַרקע און עהרליכע כאַראַקטערע, וועלכע וואָלטען גע־בראַכט א נוצען צו דער ראַסע דורך זייער פאָרטפּלאַנצונג האַלטען זיך פאַר צו גוט, צו געהען דעם וועג פון דעם לי־גען, דעם איינציגען, וועלכע די געזעלשאַפט ערלויבט זיי, זיי פעראַכטען עס צו שליסען היימליכע פערהעלטניסע און צו ברעכען זייער וואָרט, און וויל זיי בעזיצען ניט דעם מוטה אָדער די מעגליכקייט צו צורייסען עפענטליך די קייטען פון דעם לעגיטימען קאָנטראַקט דער הייראַט, געהען זיי ליבער

צו גרונדע פֿון זייער ליבע און ווערען די טראָסטלאָזע מערטירער פֿון אַן אידעאַל, וועלכען זיי קענען קיינמאָל ניט עררייכען.

די דורכשניטס־מענשען אָבער, פֿון וועמענס פאָרטפּלאַנצונג די מענשליכע ראַסע קען נאָר גאַנץ ווייניג פראָפּיטירען, זיי זיינען צו פֿייגע צו האַנדלען עפּענטליך און צו נידריג אַז זיי זאָלען זיך ענטזאַגען פֿון דער ליבע, דאַרום בעפֿרידיגען זיי די בעדירפֿניסע פֿון זייערע הערצער אויף די קאָסטען פֿון זייער בירגערליכער מאָראַל.

די מאָדערנע חתונה איז דאַרום אַן אונזיטליכעס און קאָרומפּירטעס פֿערהעלטניס און איהר עקזיסטענץ איז אַ געפֿאַהר פֿאַר די צוקונפֿט פֿון דער מענשליכער ראַסע. פֿריהער אָדער שפּעטער טרייבט זי דעם מענשען אין אַ קאַמפּף צווישען בעשוואָרענע פּפֿליכטען און דעם אונאויסראָטבאַרען בעדירפֿניס צו ליבען און זי לאָזט איהם נאָר די וואַהל צווישען געמיינהייט אָדער אונטערגאַנג. אַנשטאַט צו זיין אַ לעבענדיגע קוועלע צו פֿעריונגערן די ראַסע, איז זי געוואָרען דאָס בעסטע מיטעל פֿון אַ לאַנגזאַמען זעלבסט־מאָרד דער מענשהייט.

2

דאָס די הייראַט, וועלכע מע בעטראַכטעט אַלס די איינציגע בערעכטיגטע פֿאָרם פֿון דער ליבע צווישען מאַן און פֿרוי, דאָס דיזע הייראַט האָט אין גאַנצען פֿערלאָרען איהר אינהאַלט דאָס זי איז געוואָרען דער גרעסטער און שענדליכסטער ליגען פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכען לעבען. דאָס מע האָט געוועהנליך חתונה צוליב די מאַטעריעלע אינטערעסען, דאָס די יונגע גענעראַציאָן בעטראַכטעט ליבע און הייראַט פֿאַר צוויי בעזאָנדערע זאַכען, דאָס די פערזאָנען, וועלכע שליסען

מיט איינאַנדער די אָפיציעלע פערבינדונג, פיהלען אין דעם גרונד פון זייערע הערצער, אַז די לעגיטימע פאָרם פון דער חתונה קען ניט בעאיינפלוסען זייערע געפיהלען און בעדירפניסע, דאָס אַלעס לאָזט זיך צום גרעסטען טהייל צוריק פיהרען אויף די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון די מאָדערנע קולטור־פעלקער.

דיזע אָרגאַניזאַציאָן איז באַזירט אויף דעם ברוטאַלסטען עגאָאיזמוס, זי קענט נאָר דאָס אינדיווידואום, אָבער קיינמאָל די ראַסע אין אַלגעמיינען און איהר צוועק איז דאָס אונמי־טעלבאַרע אינטערעסע פון איינצעלנע מענשען, אויף די קאָסטען פון דער אַלגעמיינהייט. די מאָדערנע ווירטשאַפּליכע אָרגאַני־זאַציאָן האָט געשאַפען דאָס היינטיגע רויב־סיסטעם, וועלכעס אָפ־פערט די צוקונפט פאַר דער געגענוואַרט און צווישען אַלע איהרע וועכטער, פּאָליציסטען און געזעץ־געבער, געפינען מיר ניט קיין איינציגען פערטיידיגער פון דער נייגעבאָרענע גענעראַציאָן.

וואָס פרעגט די מאָדערנע געזעלשאַפט דאַרנאָך, ווען די בעדינגונגען פון דער מענשליכער פאָרטפלאַנצונג זיינען די אונגינסטיגסטע און שלעכטעסטע, וואָס עס קען נאָר געבען. די היינטיגע גענעראַציאָן דענקט נאָר פון זיך אַליין, זי האָט ניט קיינע פפליכטען פאַר דער צוקונפט און אַלע איהרע גע־דאַנקען קאָנצענטרירען זיך אַרום דער אייגענער בעפרידיגונג. זאָל דער קומענדער דור זאָרגען פיר זיך אַליין, און ווען ער איז פיזיש און גייסטיג פעראָרמט און קאָרומפירט דורך די שולד פון די עלטערען, דאַן — אום זאָ שלימער פאַר איהם. די קינדער וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען אָהנע ליבע זיינען אָרעמע, עלענדע בעשעפּניסע, אָבער ווער פרעגט נאָך זיי, די עלטערען האָבען דאָך געפונען זייער מאַטעריעלען פאָרטהייל אין דער חתונה.

די קינדער דער ליבע אָבער, וועלכעזיינען געבאָרען גע־וואָרען אויסערהאַלב פון דער געזעצליכער און קירכליכער פאָרם

זיינען פֿערדאַמט דורך די געזעלשאַפֿטליכע מאָראַל, זיי זיינען די מערטירער פֿון דעם אַלגעמיינען פֿאָראורטהייל. אָבער וואָס שאַדעט דאָס, זייערע בעשעפֿער האָבען יאַ געפֿונען זייער פֿערגניגען.

דער מאָדערנער מענש האָט פֿערלאָרען דאָס געפֿיהל צו דער מענשהייט און די סאָלידאַריטעט. דיזער נאַטירליכער אינסטינקט פֿון אַלע העכערע טהיערע, איז פֿערשוואונדען געוואָרען, אָדער ער געפֿינט זיך נאָר, נאָך אין אַ זעהר פֿערקריפּעלטער פֿאָרם ביי די אייראָפּעאישע קולטור—פֿעלקער. דער מענש לאָזט זיך מעהר ניט שטערען אין זיינע פֿערגניגונגען דורך די ליידען פֿון זיינע מיטמענשען און זעלבסט דער געדאַנק, אַז די מענשהייט וועט אַמאָל אויפֿהערען אין גאַנצען צו עקזיסטירען דורך אַזעלכע צושטענדע, זעלבסט דיזער געדאַנק לאָזט איהם קאַלט און טיילנאַמסלאָז און ער דענקט ניט דאַרין צו ענדערען די גרונדלאַגען פון דעם היינטיגען סיסטעם, אַזוי לאַנג ער געפֿינט נאָר זיין פֿערזענליכען פֿאָרטהייל.

און אַזוי איז אויך דער געשלעכטס-אינסטינקט געוואָרען אַ געגענשטאַנד פֿון דער אויסבייטונג, און ווייל ער איז דער מעכטיגסטער פֿון אַלע אינסטינקטען, וועלכע בעשטימען אונזער אָרגאַניזמוס, דאַרום אייגנעט ער זיך פֿאָרטרעפֿליך פֿאַר די מאַטעריעלע שפּעקולאַציאָן. דאַרום בעטראַכטען די היינטיגע מענער און פֿרויען דיזען הייליגען אַקט פֿון דער געשלעכטליכער פֿערבינדונג, וועלכע שפּילט די גרעסטע און בעדייטענסטע ראָלע אין דער ענטוויקלונג און ערהאַלטונג דער מענשהייט, אַלס אַ קוועלע פֿאַר זייער פּערזענליכען פּראָפֿיט.

און זאָלען מיר דען פֿערדאַמען דעם קולטור-מענשען, ווען ער בעטראַכטעט די חתונה פֿאַר אַ פֿערזאָרגונגס-אינסטיטוט, ווען ער פֿרעגט צו ערשט בעפֿאָר ער פֿערבינדעט זיך אָפֿיציעל: „ווער ביטעט מיר אַם מעהרסטען?"

ער זעהט אַז די מאָדערנע געזעלשאַפט מעסט דעם ווערטה פון אַן אינדיווידואום נאָר נאָך דער גרויסקייט פון זיין פערמעגען. ער זעהט ווי דער רייכער לעבט אַ גוטען טאָג און פאַר די טהירען פון די פאַלאַצען זעהט ער דאָס עלענד אין זיין שרעקליכסטען געשטאַלט. ער פיהלט די שוועריקייטען פון דעם קאַמפף אומס דאַזיין און ער ווייסט בעשטימט, אַז די געזעלשאַפט אונטערשטיצט איהם ניט אם גרינגסטען, ווען זיינע אייגענע קרעפטען זיינען צו שוואך, צו קעמפפען פאַר ברויט און לעבען. אויס דיזען גרונד בעטראַכטעט דער מאָדערנער מענש יעדען לעבענס־אַקט, אַלזאָ אויך די חתונה פון׳ם מאַטעריעלען שטאַנדפונקט און ער זוכט פון אַלע זיינע האַנדלונגען הערויס־צושלאָגען דעם גרעסטען נוצען.

וואַרום זאָל ער זיך אַלזאָ בעאיינפלוסען לאָזען פון דער ליבע, ביי אַ געוועהנליכען געשעפט ווי די חתונה? אפשר וויל עס וואָלט געווען אַ נוצען פאַר דער מענשהייט? אָבער וואָס קימערט איהם דען די מענשהייט? וואָס טהוט דען די מענשהייט פאַר איהם? גיט זי איהם צו עסען, ווען ער איז הונגעריג? פערזאָרגט זי איהם מיט אַ בעשעפטיגונג ווען ער געפינט ניט קיין אַרבייט? ערנעהרט זי זיינע קינדער ווען זיי שרייען נאָך ברויט? און ווען ער שטאַרבט, זאָרגט דען די מענשהייט פאַר די עקזיסטענץ פון זיין פאַמיליע?

ניין! און וויל די מענשהייט ענטזאָגט זיך פון אַלע דיזע פפליכטען געגען איהם, דאַרום האָט ער אויך קיינע פפליכטען געגען איהר און ער בעטראַכטעט די חתונה איינפאַך אַלס אַ מיטעל ווי צו פערגרעסערען זיין פערמעגען.

די קאָנזעקווענץ פון דיזע פערהעלטניסע איז די דעגענעראַציאָן דער קולטור־מענשהייט, און זייער אונמיטעלבאַרעס אָפפער איז דאָס ווייב. דער מאַן ליידעט לאַנג ניט אַזוי שמערצליך פון די געגענווערטיגע פערהעלטניסע, ווי די

פֿרוי. ווען דער מאַן פֿיהלט זיך ניט גענוג שטאַרק, אָדער ווען ער האָט ניט דעם נויטיגען מוטה צו נעהמען אויף זיך די פֿעראַנטוואָרטליכקייטען פֿון דעם פֿאַמיליען־לעבען, אין אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע איז די פֿיינדין און אויסבייטערין פֿון'ם מענשען, שטאַט איהם צו שיצען, ווען אַזאַ מאַן וויל זיך ניט פֿערבינדען אָפֿיציעל, דאַן בלייבט ער איינפֿאַך אונפֿערהייראַטעט, אָהנע דאָס ער ברויכט דאַרום צו ענטזאַגען זיינער געשלעכט־ליכער בעפֿרידיגונג. דער אונפֿערהייראַטער מאַן האָט פֿון דער געזעלשאַפֿט די שטילשווייגענדע ערלויבניס, צו געניסען די פֿריידען פֿון דעם געשלעכטליכען פֿערקעהר, ווי און וואו ער וועט נאָר קענען און ער קען זיך זאָגאַר בעריהמען מיט זיינע ערפֿאָלגען, אָהנע דאָס מען איהם דאַרום פֿעראַכטעט אָדער מאָראַליש פֿערפֿאָלגט. ווען דער מאַן האָט געהייראַטעט צוליב מאַטעריעלע פֿאָרטהיילע, און ווען ער קען ניט געפֿינען ביי זיין פֿרוי די יעניגע בעפֿרידיגונג, וועלכע ער ווינשט זיך, דאַן זוכט ער זיינע פֿריידען אַנדערשוואו, אָהנע, דאָס מען איהם בעטראַכטעט פֿאַר אַ פֿערברעכער, וועלכער מוז אויס־געשלאָסען ווערען אויס אַנשטענדיגע געזעלשאַפֿטען.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע פֿון דער פֿרוי. די פֿרוי ביי די ציוויליזירטע פֿעלקער איז פֿאָלשטענדיג אָנגעוויזען אויף דער חתונה. זי קען נאָר געפֿינען אין דער הייראַט די פֿולע בעפֿרידיגונג פֿון איהרע פֿיזיאָלאָגישע בעדירפֿניסע. ווען זי וויל אויסאיבען די רעכטע פֿון אַ געשלעכטס רייפֿען אינדיווי־דואום, אָהנע צו פֿערלירען די אַכטונג פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג, דאַן מוז זי חתונה האָבען. דאָס איז דער איינציגער וועג פֿאַר איהר, זיך צו שיצען פֿאַר מאַטעריעלען עלענד און עפֿענטליכער פֿעראַכטונג.

אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט איז די פֿרוי אָנגעוויזען פֿיזיש און מאַטעריעל אויף דעם מאַן. וואָס פֿאַר אַ שיקזאַל

האָט די געזעלשאַפט געשאַפען פאַר די אונפערהייראַטע מעד־כען? שוין די געוועהנליכע בעצייכנונג פאַר דיזע מעדכען כאַראַקטעריזירט זייער שטעלונג אין דער מאָדערנער געזעל־שאַפט, דען דער נאָמען „פאַרזעסענע בתולה" איז די פער־קערפערונג פון אַלען שפאָט, פון אַלער פעראַכטונג. דאָס אונפערהייראַטע מעדכען איז איינזאמער און פערלאָזענער ווי דער וואנדערער אין דער וויסטע. און זעלבסט ווען זי גרינדעט זיך אַן אייגענע היים, אַזוי בלייבט זי דאָך איינזאַם און אַליין דען די פריינדשאַפט מיט אַ מאַן, וועלכער זאָל איהר בעזוכען ווען זי וויל, וועט איהר פערביטען די עפענטליכע מיינונג און ווען זי וויל ניט פאַרלירען איהר „גוטען נאָמען" מוז זי האַנדלען נאָך די אַלגעמיינע געזעלשאַפטליכע מאָראַל־בעגריפען. ווייבליכע פריינדשאַפטען זיינען זעהר זעלטען און ביז צו אַ געוויסען גראַד זיינען זיי זאָגאַר אוננאַטירליך.

אַ פאָרטגעשריטענער מענש האָט נאַטירליך זאָפאָרט אַן אַנטוואָרט. ער זאָגט איינפאַך „וואָס האָט זי צו פרעגען נאָך דער עפענטליכער מאָראַל? זאָל זי לעבען און געניסען, דען עס איז לעכערליך צו אָפּפערען זיין פערגעניגען צוליב דער געזעלשאַפטליכער מאָראַל".

דיזע אַנטוואָרט איז געוויס ניט שלעכט, אָבער מיר דאַרפען קיינמאָל ניט פערגעסען, אַז דער גרעסטער טהייל פון די מענשען און בעזאָנדערס פון די פרויען, זיינען ערצויגען און פיל געשטופט געוואָרען מיט אַזעלכע פאָראורטהיילען, דאָס זיי וועלען ליבער ליידען זייער גאַנץ לעבען, איידער צו פערלירען די „אַכטונג" פון דער עפענטליכער מיינונג.

דער אונפערהייראַטער מאַן האָט טויזענד מאָל בעסערע משאַנסען, ווי זיינע ווייבליכע שיקזאַלס־גענאָסין. ער בעזוכט אַלע בעלער און קאָנצערטען, ער געהט אַליין אין די טהעאַ־טערס, אין קאָפּע הייזער, קורץ, ער האָט טויזענד מיטלען

זיך צו צערשטרייען, וועהרענד דאָס דאַזיין פֿון דעם אונפֿער־הייראַטען ווייב איז געוועהנליך ניט פֿיל בעסער, ווי דאָס לעבען פֿון אַ געפֿאַנגענעם.

פֿאר דער פֿרוי גיט עס נאָר גאַנץ וויינינע מיטלען צו מאַכען אַ זעלבסשטענדיגען לעבען. דאָס געוועהנליכע מעדכען אוים דעם פֿאָלק פֿערקויפֿט איהרע אַרבייטס־קראַפֿט צו די רייכע און דאָס שקלאַפֿישע דינסט־פֿערהעלטניס פֿערקריפּעלט און קאָרומפּירט איהרע כאַראַקטער־אייגענשאַפֿטען. דאָס פֿאַבריק־מעדכען אָדער די אינדוסטריע־אַרבייטערין קען שטאַרבען פֿון הונגער אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, דען טראָצדעם וואָס זי האָט דיזעלבע בעדירפֿניסע ווי דער מאַן, טראָצדעם קען זי נאָר די העלפֿטע אַזוי פֿיל פֿערדינען, ווי דער מענליכער ארבייטער.

און אַזוי בלייבט זי אָרעם און עלענד, א לאַסט פֿאַר זיך אַליין און אַנדערע. זי האָט דאָס בעוואוסטזיין פֿון איהר אַבסאָלוטען צוועק און נוצלאָזיגקייט, דאָס בעוואוסטזיין, אַז זי קען זיך ניט פֿערדינען דאָס טעגליכע ברויט, דאָס געפֿיהל פֿון איהר גרויזאַמער פֿערלאָזענהייט, דאָס אַלעס רויבט פֿון איהר אַוועק דעם שטאָלץ פֿון דער זעלבסט־שטענדיגקייט. און פֿון דיזען מעדכען, וואָס הונגערט און פֿרירט, פֿון דיזעם ווייב, וואָס ציטערט פֿאַר דער צוקונפֿט, פֿון איהר פֿערלאַנגען מיר נאָך אַ מאָראַלישען העלדען־מוטה. און זי איז טאַקע אַ העלדין. זי קען ניט טהון קיין טריט אָהנע צו בעגעגנען דער פּראָסטיטוציאָן, וועלכע זי ערוואַרטעט יעדען אויגענבליק.

טויזענדע פֿרויען פֿיהרען אַזעלכען קאַמפּף געגען די בעדירפֿניסע פֿון זייער אייגענער נאַטור, אַ קאַמפּף פֿאַר וועלכען דער מאַן האָט אַבסאָלוט קיין פֿערשטענדניס און אונטער טויזענד מענער געפֿינען מיר אפֿשר איין איינציגען, וועלכער וואָלט זיין אין שטאַנדע דורכצופֿיהרען אַזעלכע

לעבען.

און וואס פאר א לאהן געפינט די פרוי פאר אלע איהרע אנשטרענגונגען, וואס ביטעט איהר די געזעלשאפט דערפאר, וואס זי טרעט איהרע נאטירליכע בעדירפניסע און אינסטינקטען מיט די פיס, צוליב דעם אונגעהייערען ליגען פון דער עפענטליכער מאראל? גאר ניט!

דאס אלטע, אונפערהייראטע מעדכען, וועלכעס האט געלעבט איהר גאנצען לעבען, ווי א היילִיגע, געפינט זאגאר אין זיך אליין ניט קיין ענטשעדיגונג פאר אלע אנשטרענגונגען און ענטבעהרונגען, וועלכע זי האט ערטראגען אין מאטעריעלער און געשלעכטליכער בעציהונג, און וואס עלטער זי ווערט דעסטא עפטער שטעלט זי זיך די פראגע: ווארום האב איך אייגענטליך געקעמפפט? ווען האב איך גענוצט מיט דיזען קאמפף געגען מיר זעלבסט? פערדינט דען דיזע פייגע, עגאאיסטישע געזעלשאפט איבערהויפט, אז איך זאל אכטען און אנערקענען איהרע מאראלישע געזעצע, אויפאפפערענדיג דאדורך דאס גליק פאן מיין גאנצען לעבען? וואלט עס ניט געוועזען טויזענד מאל בעסער פאר מיר איבערהויפט ניט געקעמפפט צו האבען?

די דורכשניטס־פרוי האט בעגריפען גאנץ גוט דאס טרויעריגע שיקזאל פון דעם אונפערהייראטען ווייב און זי פיהלט, אז די חתונה, ווי שלים זי זאל ניט זיין איז אימער נאך בעסער פאר איהר, ווי דאס איינזאמע און זארגען־פולע לעבען פון דער פערזעסענער מויד. און ווער קען איהר דערפאר פעראורטהיילען, ווען זי זוכט צו געפינען אן עקזיסטענץ, א פערזארגונג פאר׳ן אלטער? די געזעלשאפט, וועלכע לאזט איהר ניט קיין אנדערע אויסוואהל איז אליין פעראנטווארטליך פאר איהרע טהאט.

אבער די פאלגען פון דיזע פערבינדונגען צווישען מאן

און פֿרוי זיינען אונפֿערמיידליך. די פֿרוי ניט זעהענדיג אין דעם מאַן דאָס אידעאַל פֿון איהר ליבע, זאָנדערן נאָר דעם פֿערזאָרגער און ערנעהרער, פֿיהלט זיך אין קיינער ווייזע סאָלידאַריש צו איהם. זי לעבט איינפֿאַך אַזוי גוט ווי די אומשטענדע ערלויבען עס איהר, אויף די קאָסטען פֿון איהר מאַן, דען זי האָט יאָ נאָר געהייראַט אום צו מאַכען אַ לעבען.

די היינטיגע געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן האָט געמאַכט דעם קאַמפף אומ'ס דאַזיין שווערער און ביטערער ווי עס איז קיינמאָל ניט געוועזען בעפֿאָר און דאָס איז די אורזאַכע, וואָרום דער מענש זוכט און געפֿינט אין דער חתונה אַ מיטעל צו פֿערבעסערען זיינע מאַטעריעלע פֿערהעלטניסע. דער מאַן מאַכט יאַגד אויף רייכע מעדכען און דאָס מעדכען אָהנע אַ פֿערמעגען הייראַט דעם ערשטען און בעסטען מאַן אום צו געפֿינען וועמען, ווער איהר זאָל ערנעהרען.

נאָך דער האָכציית פֿערוואַנדעלט זיך דאָס ווייב געוועהנליך אין אַ קאָסטשפּיליגעם לוקסוס-טהיער, וועלכעס האָט ניט דעם גרינגסטען נוצען פֿאַר זיין בעזיצער. אַזוי שפּילען מאַן און פֿרוי אין דער חתונה די ראָלע פֿון צוויי פֿיינד, וועלכע זוכען זיך געגענזייטיג אויסצובייטען.

דער רב, דער גלח און דער בעזיצער פֿון דעם גרויסען מאָדע-געשעפֿט, זיי האָבען דעם איינציגען נוצען פֿון דער מאָדערנע הייראַט, דען די היינטיגע צושטענדע פֿערשאַפֿען זיי אַ גוטע קונדשאַפֿט.

3

עס גיט ניט קיין צווייפֿעל, אַז די הויפּט אורזאַכען פֿון דעם ליגען פֿון דער חתונה זיינען צו געפֿינען אין דער היינטיגער עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אָבער עס גיט אויך נאָך אַנדערע אורזאַכען. אַ גרויסע שולד אין דעם היינטיגען געגענזאַץ צווישען ליבע און חתונה, צווישען פאָרם און אינהאַלט, צווישען נאַטירליכע געפיהלען און אינסטינקטען און דעם געזעלשאַפטליכען צוואַנג טראָגט די מאָדערנע געשלעכטס־מאָראַל, וועלכע איז הויפטזעכליך אַ קאָנזעקווענץ פון דעם קריסטענטהום.

דיזע לעכערליכע מאָראַל בעטראַכטעט דעם געשלעכטס אַקט פאַר אַ שרעקליכעם פערברעכען, זי האָט אויפגעדריקט אויף דיזען אַקט דעם שטעמפעל פון דער שאַנדע און ערלויבט ניט צו רעדען איבער זאַכען, וועלכע האָבען די גרינגסטע בעציהונגען צו דער געשלעכטס־פראגע.

דיזע מאָראַל איז אַן אונגעהייערעס אטענטאַט געגען אַלע געזעצע פון דער נאַטור, און זי וואָלט ניט עקזיסטירט פאַר אַ האַלבע שטונדע, ווען דער מענש וואָלט ניט אויס־געפונען טויזענדע אויסוועגען איהר היימליך צו איבערטרעטען יעדען אויגענבליק.

די מאָדערנע געשלעכטס־מאָראַל האָט ניט די קלענסטע בעגרינדונג זי האָט ניט דעם קלענסטען אַרגומענט, וואָס זאָל איהר געבען אַ בערעכטיגונג.

וואַרום זאָל אַן אָרגאַנישע פונקציאָן, אַ נאַטירליכער אַקט, וועלכער בילדעט די וויכטיגסטע האַנדלונג אין מענש־ליכען לעבען און וועלכער בעצוועקט די ערהאַלטונג און ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראַסע, וואַרום, פרעג איך, וואַרום זאָל דיזער אַקט זיין וויניגער מאָראַליש, וואַרום זאָל ער זיין וויניגער אַנשטענדיג, ווי אַלע אַנדערע מענשליכע האַנדלונ־גען וועלכע בעצוועקען נאָר די ערהאַלטונג פון דעם אינדיווידואום?

וואַרום זיינען עסען און טרינקען מאָראַלישע האַנדלונגען, פון וועלכע מע קען רעדען איבעראַל, און וואַרום איז דער געשלעכטס־אַקט אַ זינד און אַ שאַנדע, וועלכע מען דאַרף

נאָר אױספֿיהרען אין געהײמען און װעלכע מען מוז אָבלײ־
קענען אין דער עפֿענטליכקײט? װאַרום? װאַרום? װאַרום?

איז דען די געשלעכטליכע רײפֿקײט ניט דער העכסטער
גראַד פֿון אונזער אינדיװידועלער ענטװיקלונג? איז זי דען
ניט דער טריאומפֿ און די ערהאַבענסטע מאַניפֿעסטאַציאָן
פֿון דער מענשהײט?

אַלע אָרגאַנישע װעזען, פֿלאַנצען און טהיערע, פֿיהלען
דעם געשלעכטס־אַקט אַלס דעם ערהאַבענסטען אױסדרוק פֿון
זײער לעבענס־קראַפֿט און מיט דעם גרעסטען שטאָלץ מאַכען
זײ די גאַנצע נאַטור צום עדות פֿון זײער ליבע; די בלומען
מיט זײער דופֿט און דער פּראַכט פֿון זײערע פֿאַרבען, די
פֿײגעל מיט זײער הערליכען געזאַנג און דער מענש אַלײן
זאָל זיך שעמען, פֿון זײן מעכטיגסטען און עדעלסטען געפֿיהל,
ער אַלײן זאָל בעטראַכטען די בעפֿרידיגונג פֿון זײנע נאַ־
טירליכסטע בעדירפֿניסע און אינסטינקטען פֿאַר א פֿערברעכען?

נײן, דיזע לעבערליכע מאָראַל האָט ניט אימער בעהערשט
די אַנשױאונגען פֿון די מענשען. דער היפּאָקריטיזמוס איז ניט
אימער געװעזען דער מאָראַל־לעהרער פֿון'ם מענשען.

איך רעד יעצט ניט פֿון די װילדע פֿעלקער, װעלכע
לעבען נאָך אין אַ נאַטירליכען און פּרימיטיװען צושטאַנד.
נײן, איך רעד נור פֿון גרױסע קולטור־פּעריאָדען, גײסטיגע
און מאָראַלישע ציװיליזאַציאָנען, װעלכע זײנען געװען גרעסער
װי די מאָדערנע ציװיליזאַציאָן. איך רעד פֿון קולטור־פּעריאָדען
װי צ. ב. די גריכישע אָדער די אינדישע, װאו דער מענש
האָט בעטראַכטעט די געשלעכטליכע בעציהונגען פֿון אַ נאַ־
טירליכען שטאַנדפּונקט, װאו ער האָט נאָך נישט געקענט דעם
אונטערשיעד צװישען גוטע אָרגאַנען און שלעכטע, צװישען
מאָראַל און נאַטירליכע לײדענשאַפֿטען.

אין דיזע פּעריאָדען האָט דער מענש נאָך נישט געהאַט

קיין שאַנדע פאַר זיין נאַקעטהייט און אין דער פעראייניגונג פון צוויי געשלעכטס-פערשיעדענע אינדיווידועון האָט ער נאָר ערבליקט דעם גרויסען און ערהאַבענען צוועק, די ערהאַלטונג און ענטוויקלונג דער ראַסע. אויס דיזען גרונד האָבען די גריכען און אינדיער בעטראַכטעט דעם געשלעכטס-אַקט אַלס די גרעסטע און וויכטיגסטע פון אַלע מענשליכע האַנדלונגען און דיזע נאַטירליכע אַנשויאונג האָט זיי געשיצט פאַר די ברוּ-טאַלע און געמיינע פאָרשטעלונגען, וועלכע דער מאָדערנער מענש פערבינדעט מיט דיזען אַקט. די גריכישע און אינדישע קולטור האָבען די נאַטירליכע אינסטינקט פון'ם מענשען נאָך ניט אַזוי פערפעלשט ווי די מאָדערנע ציוויליזאַציאָן, זיי זיינען נאָך געווען דורכגעדרונגען פון בעוואונדערונג און דאַנקבאַרקייט פאַר דעם געשלעכטס-אַקט, וועלכער בילדעט די קוועלע פון לעבען אין גאַנצען וועלט-רוים.

מע האָט פערעהרט די געשלעכטס-אָרגאַנען אַלס סימ-באָלען פון דער פרוכטבאַרקייט און האָט אויפגעשטעלט בילדער פון זיי אין די טעמפּלען און פריוואַט וואוינונגען.

זעהענדיג דיזע בילדער, הערענדיג רעדען מיט דער גרעסטער נאַטירליכקייט און אָפענהייט פון געשלעכטליכע אַנגעלעגענהייטען, האָט די יוגענד אין גריעכלאַנד און אינדיען ניט געוואוסט פון יענער לעבערליכען אונוויסענהייט אין געשלעכטליכע זאַכען, וועלכע בילדעט די גרונדלאַגע פון דער מאָדערנער ערציהונג. ווייל אַלע ערשיינונגען פון דעם געש-לעכטליכען לעבען זיינען געוועזען עפענטליך און קלאָר פאַר יעדען איינעם, ווייל מע האָט זיי בעטראַכטעט פאַר נאַטירליכע זאַכען, אַזוי ווי עסען און טרינקען, דאַרום האָט מען נאָך ניט געוואוסט פון יענע קראַנקהאַפטע געפיהלען און פאָר-שטעלונגען, וועלכע מיר געפינען ביי דער היינטיגען מענשען, און וועלכע זיינען נאָר די לאָגישע קאָנזעקווענצען פון דער

מאָדערנער געשלעכטס־מאָראַל. און דאָס איז געווען די אור־זאַכע, ווארום די מענשען זיינען געוועזען פיל ריינער און עדעלער אין זייערע דענקונגס־ווייזע איבער געשלעכטליכע זאַכען ווי היינט.

די אורזאַכע, וואָס דער מענש האָט פערענדערט זיינע מאָראַל־בעגריפע איז די קאָנזעקווענץ פון די קריסטליכע אַנשויאונגען, וועלכע בעהערשען דעם גייסט פון דער קולטור מענשהייט. די גרונדלאַגען פון דעם קריסטענטהום, אַזוי ווי מיר געפינען זיי אין די עלטעסטע שריפטען פון דיזער רעליגיאָן, ענטהאַלטען אין זיך אַן אונגעהייערן ווידערשפרוך, דען זיי בערוהען אויף צוויי פרינציפען, וועלכע זיך אונטערשיידען ווי וואַסער און פייער, און ווען די קריסטליכע רעליגיאָן וואָלט געהאַט אַ לאָגישען דענקער אַלס גרינדער, אַזוי וואָלט דיזער ווידערשפרוך ניט מעגליך געווען.

אויף דער איינער זייט פרעדיגט דאָס קריסטענטהום: „ליבע דיין חבר ווי זיך זעלבסט! ליבע זאָגאַר דיין פיינד!"

אויף דער אַנדערער זייט ערקלערט דאָס קריסטענטהום, אַז די ענדע פון דער וועלט איז ניט מעהר ווייט, אַז די געשלעכטליכע בעפרידיגונג איז די שווערסטע פון אַלע חטאים און אַז צניעות איז דער ווינשענס ווערטעסטער צושטאַנד פון דער מענשהייט און די יעניגע מעלה, וועלכע געפעלט גאָט אַם בעסטען.

פרעדיגענדיג די ליבע צו דעם חבר, האָט דאָס קריס־טענטהום געמאַכט דעם נאַטירליכען אינסטינקט פון דער מענשליכער סאָלידאַריטעט צו אַ רעליגיעזען געבאָט און האָט דאַדורך אונטערשטיצט די ערהאַלטונג און ענטוויקלונג פון דער מענשליכער ראַסע.

אָבער דערמיט וואָס דיזע רעליגיאָן האָט פערדאַמט צ דער זעלבער צייט די געשלעכטליכע ליבע, האָט זי צושטערט

און פֿערניכטעט איהר אייגענעס ווערק; זי האָט פֿעראורטהיילט די מענשהייט צום אונטערגאַנג און בעקעמפֿט די נאַטור מיט אַ טייפֿלישער גרויזאַמקייט.

דער פּרינציפּ פֿון דער חבר־ליבע האָט געמוזט ערוועקען דעם גייסט פֿון דער מענשהייט, דען ער האָט אַפּעלירט אין דעם מעכטיגסטען אינסטינקט, דעם אינסטינקט דער ערהאַלטונג פֿון דער ראַסע. אָבער דער פּרינציפּ פֿון צניעות פֿערטרעט דאָס דירעקטע געגענטהייל און דאָס קריסטענטהום וואָלט ניט געפֿונען די קלענסטע אויסברייטונג, ווען עס וואָלט ניט ענטשטאַנדען אין אַ צייט, ווען די געזעלשאַפֿט איז געווען פֿאָלשטענדיג פֿערפֿוילט. דאָס געשלעכטס לעבען איז בעהערשט געוואָרען פֿון דעם נידריגסטען עגאָאיזמוס און עס איז מעהר ניט געווען ווי אַ קוועלע פֿון טהירישע פֿערגניגונגען. אין דיזער פּעריאָדע איז דאָס קריסטענטהום געבאָרען און אום צו פּראָטעסטירען געגען די פֿערדאָרבענהייט פֿון דעם שטאַרבענדען רוימערטהום האָט עס אָנגענומען דאָס פּרינציפּ פֿון דער געשלעכטליכער ריינהייט פֿאַר אַ גלויבענס זאַץ.

אָבער די קריסטליכע קירכע איז ניט געווען אומשטאַנדע דורצופֿיהרען דיזעס פֿינסטערע און מענשענפֿיינדליכע פּרינציפּ פֿאַר אַ לאַנגע צייט, דאַרום האָט זי עס נאָר בעשטימט פֿאַר די פּפֿליכט פֿון ווייניגע אויסגעוועהלטע פּערזאָנען, ווי די פּריסטערס און מאָנאַשקעס. יאַ נאָך מעהר! דער נאַטירליכער אינסטינקט האָט זיך בעוויזען שטאַרקער, ווי דאָס רעליגיעזע פּרינציפּ און די קירכע איז געווען געצוואונגען צו ערקלערען די חתונה פֿאַר אַ הייליגען אַקט. זאָגאַר ביי איהרע „אויסגעוועהלטע" מענשען האָט די קירכע ניט געהאַט קיין גליק, דען גראַדע אין מיטעל־אַלטער, ווען דער קאַטהאָליציזמוס איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופֿע פֿון זיין ענטוויקלונג זיינען די מאָנאַסטירען ניט רהמע

געווען, ווי עפּענטליכע באָרדעלען.

אין דער ווירקליכקייט איז דאָס פּרינציפּ פֿון דער געזעלשאַפטליכער „אונשולד" נאָר בעפאָלגט געוואָרען פֿון מענשען, וואָס האָבען געליטען פֿון רעליגיעזען וואַהנזין, אַ קראַנקהייט, וועלכע איז אימער פֿערבינדען מיט אַ שטערונג פֿון דעם געשלעכטס־לעבען.

אָבער פּרינציפּיעל אַנערקענט דאָס קריסטענטהום נאָך היינט דעם גרונדזאַץ פֿון דער געשלעכטליכער ענטהאַלטזאַמקייט. אין זיינע אויגען איז דער געשלעכטליכער פֿערקעהר אַ זינדע, ווען עס איז איהם אויך ערלויבט אין דער פּראַקסיס. דיזע משוגע'נע אידעע האָט אויסגעאיבט אים פֿערלויף פֿון די יאַהר־הונדערטע אַ מעכטיגען איינפֿלוס אויף די ערציהונג און ענטוויקלונג פֿון די מאָדערנע קולטור־פֿעלקער, און זי איז די אורזאַכע, ווען מע בעטראַכטעט היינט די געשלעכטס ליבע פֿאַר אַ שאַנדע און די אונטערדריקונג פֿון דעם גרונד אינסטינקט דער נאַטור פֿאַר אַ גוטע זאַך.

עס איז זעלבסט פֿערשטענדליך, אַז די קריסטליכע מאָראַל איז ניט געווען גענוג שטאַרק צו פֿערניכטען די נאַטירליכע בעדירפֿניסע און ליידענשאַפֿטען אין'ם מענשען. אָבער עטוואָס האָט זי דאָך פֿערטיג געבראַכט. זי האָט געמאַכט דעם מענשען צום ליגנער און היפּאָקריט, וועלכער פֿיהלט און האַנדעלט אַנדערש, ווי ער זאָגט. דאָס קריסטענטהום האָט עס ניט פֿערטיג געבראַכט צו פֿערהינדערען דעם געשלעכטליכען פֿערקעהר צווישען מאַן און פֿרוי, אָבער דער מענש בעטראַכט דיזען פֿערקעהר ניט מעהר אַלס אַ גוטע און ערהאַבענע זאַך, זאָנדערען אַלס אַ פֿערברעכען, וועלכעס מע דאַרף נאָר אויסאיבען געהיימערהייט. און דיזער מאָראַלישער צוואַנג, דיזע היפּאָקריטישע מאַסקע ערנידריגט אונז, זי מאַכט אונז צום ליגנער געגען אונז זעלבסט, געגען דער געזעלשאַפֿט און דאָס וועזען

וועלכעס מיר ליבען.

די קריסטליכע קירכע אנערקענט ניט די ליבע, דארום האט זי אויסגעשלאסען דאס ליבעס-געפיהל ביי אלע איהרע אינסטיטוציאנען. די חתונה איז בעאיינפלוסט פון דער רעליגיעזער מאראל. נאך דער טעאלאגישער אנשויאונג האט די ליבע צווישען מאן און פרוי אבסאלוט ניט צו טהון מיט דער הייראט. ווען מע האט חתונה, זא איז עס ניט דערפאר, ווייל מע ליבט זיך, נאר דערפאר, ווייל מע ערפילט א געט-ליכען געבאט.

דער פריסטער, וועלכער פעראייניגט חתן און כלה פרעגט די פרוי אויב זי וויל געהארכען איהר מאן; אבער ער פרעגט קיינמאל ניט אויב זי ליבט איהם. פאר איהם האט דער בונד צווישען מאן און פרוי, זיין בעגרינדונג אין דעם פערשפרעכען, וועלכעס זיי האבען געגעבען ביי דער חתונה, אבער ניט אין דעם] נאטירליכען אינסטינקט דער צונייגונג, וועלכע פיהרט צוזאמען צוויי ליבענדע וועזען.

דאס גאנצע אפיציעלע פערהעלטניס פון דער געזעלשאפט צום געשלעכטליכען לעבען איז בעשטימט געווארען דורך די רעליגיעזע אנשויאונג. די געזעלשאפט פערדאמט די זינדהאפטע נייגונגען פון'ם פלייש, ד. ה. זי פערדאמט די איינציגע בע-רעכטיגטע און נאטירליכע ליבע.

די חתונה איז הייליג; מע דארף ניט איבערטרעטען דאס „געטליכע" געבאט פון דער טרייקייט, אויך ניט דאן, ווען מאן און פרוי געפינען ניט די גרינגסטע בעפרידיגונג אין זייער צוזאמען-לעבען.

עס איז מעגליך, אז די פרוי, וועלכע האט געהייראט אהנע ליבע, זאל שפעטער קענען לערנען א מאן, וועלכער ערוועקט איהרע ליידענשאפטען. אבער די מאדערנע געזעל-שאפט אנערקענט ניט דיזע מעגליכקייט.

וואָס, דאָס ווייב זאָל דאַרפֿען ליבען? ניין דאָס קען ניט זיין. אַזאַ זאַך ווי ליבע, דאַרפען מיר ניט אַנאַרקענען. די פרוי האָט געהייראַט! דאָס איז אַלעס. גרעסערע אַנשפּריכע דאַרף זי ניט פֿאָרדערען. זי האָט אַ מאַן, און זי איז פֿערבונדען מיט דיזען מאַן דורך די חתונה. זי האָט די פּפֿליכט צו לעבען מיט דיזען מאַן און קיין זאַך דאַרף זי ניט מעהר אינטערעסירען אין דער וועלט.

און ווען זי ערפֿיהלט ניט דיזע פּפֿליכט, דאַן מוז זי טראָגען די שאַנדע און די פֿעראַכטונג פֿון דער גאַנ־צער געזעלשאַפֿט. אין פֿילע ציוויליזירטע לענדער האָט דער מאַן זאָגאַר דאָס רעכט צו טויטען זיין פֿרוי, ווען זי ברעכט די פּפֿליכט פֿון דער טרייקייט. אַ מעדכען האָט געמאַכט אַ ליבע מיט אַ יינגענמאַן, און זי האָט געטאָן דאָס, וואָס די נאַטור האָט געפֿאָרדערט פֿון איהר וואַרום זאָל זי וואַרטען אויף די לעבערליבע צערמאָניען פֿון דעם פּריסטער אָדער אויף די שרייבערייען פֿון דעם בעאַמטען? וועה צו דער פֿערברעכערין! זי ווערט אויסגעשטאָסען אויס די רייהען פֿון אַלע אַנשטענדיגע און מאָראַלישע מענשען און זאָגאַר דאָס קינד, וואָס זי האָט געבאָרען איז בעלאַדען מיט דער שאַנדע פֿון דער מוטער און קען זיך קיינמאָל ניט רייניגען.

די געזעלשאַפֿט פֿערכיטעט אויך דאָס רעכט צו גנב'ענען אָבער דאָך קען עס מאַנכעס מאָל פּאַסירען, אַז דער ריכבער פֿיהלט רחמנות מיט דעם גנב, וועלכער האָט צוגענומען אַ ברויט, וויל דער הונגער האָט איהם דאַצו געטריבען: און דאָס געפֿיהל פֿון רחמנות קען מאַנכעס מאָל פֿעראורזאַכען, אַז דער ריכטער זאָל פֿריי שפּרעכען אַ מענשען, וועלכער איז אויס הונגער געוואָרען אַ פֿערברעכער. ד. ה. די געזעלשאַפֿט אַנער־קענט, אַז דער הונגער קען מאַנכעס מאָל זיין שטאַרקער, ווי

די אַכטונג פֿאַר איהרע געזעצע.

אָבער פֿאַר דער פֿרוי, וועלכע האָט געליבט טראָץ דער הייראַט, פֿאַר דאָס מעדכען, וועלכעס האָט געליבט אָהנע די חתונה, פֿאַר זיי קען די געזעלשאַפֿט ניט קיין ענטשולדיגונג. זי בעגרייפֿט ניט, אַז אויך די ליבע—אַזוי גוט ווי דער הונגער — קען זיין גענוג שטאַרק, צו צורייסען די קייטען פֿון דעם געשריבענען געזעץ.

מוז מען ניט גלויבען, אַז דיזע געזעצע, דיזע מאָראַל־אַנשוויאונגען זיינען ערפֿונדען געוואָרען פֿון אַלטע, אָבגעלעבטע מענער אָדער פֿון בעדירפֿניסלאָזע איינוכען (סריסים) ? *) ווי איז עס מעגליך געווען, אַז אַזעלכע אַנשויאונגען זאָלען בעהערשען די געזעלשאַפֿט זייט יאַהר הונדערטע, טראָצדעם די זקנים און איינוכען בילדען נאָר אַ קליינע מינאָריטעט צו דער אונגעהייערער מאַסע פֿון יונגע און לעבענסקרעפֿטיגע מענער און פֿרויען ?

אָבער דיזע אַנשויאונגען בעהערשען גאָר ניט די געזעלשאַפֿט אין דער ווירקליכקייט. עס איז נאָר די פֿאַלשע מאַסקע, וועלכע מיר זעהען און נאָך דיזער מאַסקע בעאורטהיילען מיר דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע לעבען.

עס איז וואַהר, די געזעלשאַפֿט אַנערקענט די אונמענשליכע געזעצע, זי אַנערקענט די הערצלאָזע מאָראַל, אָבער זי אַנערקענט איהר נאָר פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, דען אין געהיימען האַנדעלט יעדער איינער געגען די מאָרדערנע מאָראַל־אַנשווי-

*) איינוכען זיינען געשלעכטלאָזע מענער. אין דער טערקיי, פּערסיען און אַנדערע אָריענטאַלישע לענדער געברויכט מען זיי אַלס וועכטער אין די האַרעמס פֿון פֿאָרנעהמע מאָהעמאָדאַנער. דורך אַן אָפּעראַציאָן אין די געשלעכטס טהיילע רויבט מען פֿון זיי אַוועק דאָס בעדירפֿניס און די פֿעהיגקייט צו קענען געברויכען אַ פֿרוי.

דער איבערזעצער.

אונגען. ווען די געזולשאַפֿט אַנערקענט ניט די בערעכטיגונג פֿון דער ליבע, דאַן בעגעהט זי אַ היפּאָקריטישע האַנדלונג.

אויף דער איינער זייט בוקט זי זיך פֿאַר דעם ריכטער, וועלכער פֿעראורטהיילט די אשת־איש'ניצע, זי האָט די גרעס־טע אַכטונג פֿאַר דער פֿאָרנעהמער דאַמע, וועלכע יאָגט אַוועק איהר דינסט מעדכען, ווען זי בעמערקט ביי איהר די פֿאָלגען פֿון דער ליבע; אָבער אויף דער אַנדערער זייט קלאַפּט זי ביי־פֿאַל צו דעם דיכטער, וועלכער זינגט פֿון דער ליבע, ניט רעדענדיג פֿון דער חתונה קיין וואָרט. יעדער איינער זאָגט, אַז צו געהאָרכען די נאַטירליכע געפֿיהלען איז אונמאָראַליש, אָבער אין געהיימען בעפֿרידיגט ער זעלבסט דיזע געפֿיהלען אָהנע זיך דאַרום צו בעטראַכטען פֿאַר אַ שלעכטען מענש. די טהעאָריע פֿון דער רעליגיעזער מאָראַל עקזיסטירט נאָר דאַרום, ווייל קיינער פֿאָלגט איהר ניט אין דער פּראַקסיס.

די גאַנצע קולטור־מענשהייט קען מען פֿערגלייכען מיט אַ גרויסער קאָנספּיראַטאָרישער געזעלשאַפֿט. אין דער גאַס בוקען זיך אַלע פֿאַר די טהעאָלאָגישע געבאָט, אָבער אין דער היים לאַכען זיך אַלע אויס דאַפֿון.

אום צו קענען ריכטיג בעאורטהיילען די חתונה, מוזען מיר זיך בעפֿרייען פֿון אַלע פֿאָראורטהיילען, מיט וועלכע מיר זיינען ערצויגען געוואָרען. מיר מוזען אַוועק מאַכען מיט די אַלטע געוואָהנהייטען און זיך פֿאָלשטענדיג עמאַנציפּירען פֿון דער טהעאָלאָגישער מאָראַל.

מיר מוזען בעטראַכטען דעם מענשען אַלס אַ נאַטירליכעס בעשעפֿניס, מיר מוזען איהם בעטראַכטען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער נאַטור. ווען מיר ווילען פּריווען די בערעכ־טיגונג פֿון אירגענט אַן אינסטיטוציאָן, דאַן מוזען מיר צו ערשט פֿרעגען, אויב איהר עקזיסטענץ בעפֿרידיגט די אינטערעסען און גרונד־אינסטינקטען פֿון דער גאַנצער ראַסע. ווען מע

בעטראַכטעט די חתונה פֿון דיזען שטאַנדפונקט, דאַן איז עס געווים אַ גרויסע פֿראַגע, אויב זי קען אויסהאַלטען די קריטיק, דען עס איז שווער צו בעווייזען, אויב זי איז דער נאַטירליכסטער צושטאַנד פֿון אונזער געשלעכטליכען לעבען.

מיר האָבען געזעהען, אַז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן דער געזעלשאַפֿט האָט געמאַכט פֿון דער חתונה אַ געוועהנליכעם געשעפֿט. מיר האָבען אויך געזעהען, אַז די טהעאָלאָגישע וועלט אַנשויאונג אַנערקענט ניט די בערעכטיגונג פֿון דער ליבע. יעצט קומט די לעצטע וויכטיגע פֿראַגע: „איז די חתונה נאָר דאַרום אַ ליגען, ווייהל איהר גרונדלאַגע איז ניט די ליבע, זאָנדערען די מאַטעריעלע פֿערזאָרגונג? איז זי נאָר דאַרום אַ ליגען, וועיל די רעליגעזע מאָראַל אַנאַרקענט ניט אַזאַ זאַך ווי ליבע? אָדער איז די חתונה אפֿשר אין גאַנצען אַ ליגען; איז זי אפשר איבערהויפּט ניט אַן אונאַטירליכע פֿאָרם פֿון דעם געשלעכטליכען פֿערהעלטניס צווישען מאַן און פֿרוי? איז די הייראַט ניט אויך אַ ליגען, ווען זי ווערט געשלאָסען אויס ליבע? מוז זי ניט אימער בלייבען אַ ליגען, ווען מע אַנערקענט די נאַטירליכע בערעכטיגונג פֿון די ליידענשאַפֿטען?

אונזערע גאַנצע געשלעכטליכע בעציהונגען זיינען אַזוי פֿיל קאָרומפּירט און פֿערדאָרבען, דאָס מיר קענען זיך נאָר זעהר שווער מאַכען אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דעם אַ מאָליגען נאַטור צושטאַנד און עס איז נאָר גאַנץ שווער אויסצוגעפֿינען, וועלכע פֿאָרם אין דעם געשלעכטס-לעבען איז פֿיזיאָלאָגיש אַם מעהרסטען בערעכטיגט. מיר קענען זאָגאַר ניט אונטערשיידען, דאָס, וואָס עס איז געפֿעלשט. די יאַהרהונדערטע לאַנגע געוואָנהייט, לאָזט אונז בעטראַכטען פֿיעלע זאַכען פֿאַר גאַנץ נאַטירליך און זאָלען זיי אויך זיין די אוננאַטירליכסטע, וואָס עס קען נאָר געבען.

אָבער די קריטישע בעאָבאַכטונגען פֿון דער מענשליכער

פּסיכאָלאָגיע און די נייעסטע פאָרשונגען איבער די געשלעכט־ליכע פערהעלטניסע ביי די העכערע טהיערען האָבען געשאַפען רעזולטאַטען, מיט וועלכע די אַנהענגער פון דער בעשטעהענדער „אָרדנונג" האָבען אַבסאָלוט ניט קיין אורזאַכע צו זיין צופרידען.

די הייראַט, אַזוי ווי זי האָט זיך היסטאָריש ענטוויקעלט ביי די קולטור־פעלקר בעריהט אויף דער אַלגעמיינער אַנער־קענונג דער מאָנאָגאַמיע. (צוזאַמענלעבען פון אַ בעשטימטען מאַן מיט אַ בעשטימטער פרוי). עס שיינט אָבער, אַז די מאָנאָגאַמיע איז ניט קיין נאַטירליכער צושטאַנד פון'ם מענשען דען אין דער ווירקליכקייט בעשטעהט אַ גרויסער ווידערשפרוך צווישען דעם אינדיווידועלען אינסטינקט און די געזעלשאַפט־ליכע פאָרמען פון דעם געשלעכטס־לעבען, און דיזער ווידער־שפרוך איז די אורזאַכע פון אַ בעשטענדיגען קאַמפף צווישען אונזערע געפיהלען און די געזעלשאַפטליכע מאָראַל, צווישען פאָרם און אינהאַלט, וועלכער מאַכט די חתונה צו אַן אייביגען ליגען.

די איינריכטונג פון דער הייראַט בערוהט אויף דער אינסטינקטיווער ערקענטניס, אַז די אינטערעסע פון דער ראַסע ערפאָדערט אַ געוויסע קאָנטראָלע פון דער געזעלשאַפט איבער די געשלעכטליכע בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי. אָבער דאָס דיזע איינריכטונג האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ לעבענס־לענגליכען בונד צווישען אַ בעשטימטען מאַן מיט אַ בעשטימטע פרוי, דאָס האָט אַבסאָלוט ניט צו טהאָן מיט דער אינטערעסע דער ראַסע, עס איז אויך ניט קיין נויטווענדיגע לעבענס בעדינגונג פאַר דעם מין, וועלכע האָט זיינע וואָרצלען אין דעם זעלבסט־ערהאַלטונגס־אינסטינקט, ניין, דיזע איינריכ־טונג איז נאָר אַ קאָנזעקווענץ פון דער ווירטשאַפטליכער אָרגאַניזאַציאָן דער געזעלשאַפט און זי וועט פערשווינדען אין

דעם אויגענבליק, ווען עס וועט פערשווינדען דיזע אָרגאַניזאַציאָן.

די אַנשויאונג, אַז די חתונה מוז טראָגען דעם כאַראַקטער פון דער מאָנאָגאַמיע, דיזע אַנשויאונג געפינט איהר בעגרינדונג אין דעם היינטיגען סיסטעם. אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע אַנערקענט ניט קיין ווירטשאַפטליכע סאָלידאַריטעט, אין אַ געזעלשאַפט אין וועלכער יעדער איינער זאָרגט נאָר פאַר זיך אַליין, ניט קוקענדיג, ווען דער אַנדערער געהט צו גרונד, אין אַזאַ געזעלשאַפט מוזען די קינדער שטאַרבען פון הונגער ווען די עלטערען ערהאַלטען זיי ניט און גרויסציהען. די מוטער קען אַליין ניט טראָגען די לאַסט פון דער קינדער־ערהאַלטונג, דען אין אונזער עגאָאיסטישע געזעלשאַפט בעצאָהלט מען די אַרבייט פון דער פרוי אַזוי שלעכט, אַז זי קען זיך אַליין ניט ערנעהרען; ווי אַזוי זאָל זי דאַן נאָך ערנעהרען איהרע קינדער, מען מוז אַלזאָ צווינגען דעם פאָטער מיט צו העלפען די קינדער צו ערנעהרען. אָבער דיזער צוואַנג איז נאָר אויספיהרבאַר, ווע מען שמידעט אַ קייט, וועלכע פערבינדעט דעם מאַן לעבענסלענגליך מיט דער פרוי, וועלכע ער מאַכט צור מוטער, און דיזע קייט איז די חתונה.

דאַמיט עס זאָל אָבער ניט ענטשטעהען קיין געפאַהר, דאַמיט איין מאַן זאָל ניט פעראַנטוואָרטליך געמאַכט ווערען פאַר דעם צווייטען, האָט מען בעשטימט, אַז אַ מאַן זאָל נאָר געשלעכטליך פאַרקעהרען מיט איין פרוי און אַ פרוי מיט איין מאַן, דאָס איז די חתונה אויף דער גרונדלאַגע פון דער מאָנאָגאַמיע.

אויף אַזאַ אַן אַרט איז אַלעס אין דער בעסטער אָרדנונג. דו ווילסט אַ פרוי?

זעהר גוט! אָבער דו מוזט זיך פערפפליכטען צו זאָרגען פאַר דיין גאַנצען לעבען פאַר איהרע קינדער.

אפשר וועסטו פערלירען די סימפאַטיע צו איהר, זעהר

שלים, אָבער דו האָסט איהר יעצט און מוטט איהר בעהאַלטען.

דו געפינסט שפּעטער אוים, אַז די וואַהל איז געווען אַ פאַלשע. לעבערליבע אויסרעדע! ווארום האָסטו ניט בעסער געוועהלט?

דו ליבסט שפעטער אַן אַנדערע. וואָס פרעגט די געזעלשאַפט נאָך דיינער ליבע. דו האָסט אַ פרוי און קינדער און עס איז דיין פפליכט צו זאָרגען פאַר זיי.

ווען מיר בעטראַכטען די זאַך פון'ם שטאַנדפונקט דער עגאָאיסטישער געזעלשאַפטס-אָרגאַניזאַציאָן, דאַן איז דיזע אַנ־שויאונג גאַנץ לאָגיש, אָבער פון'ם פּסיכאָלאָגישען און פהיזי־אַלאָגישען שטאַנדטפונקט אוים בעטראַכטעט רופט זי אַרוים די שלימסטע קאָנזעקווענצען.

די חתונה ווערט געשלאָסען פאַר'ן גאַנצען לעבען. זאָלען מיר זאָגאַר אָננעמען, אַז די צוויי מענשען, וועלכע פאַראייניגען זיך אָפיציעל, פיהלען ווירקליך אַ גרויסע ליבע איינער צום צווייטען. אָבער יעצט קומט אַ שווערע פראַגע. וועט די ליבע געדויערען דעם גאַנצען לעבען? קען זי איבערהויפּט געדוי־ערען אַזוי לאַנג?

זיינען צוויי מענשען איבערהויפט בערעכטיגט זיך צו פערפפליכטען פאַר אַ לעבענס-לענגליכע טרייקייט?

בעגייהען זיי ניט אַן אונגעהייערען לייכטזין צו שווערען אויף די אונפערענדערליכקייט פון אַ מאָמענטאַנען געפיהל.

די פּאָעטען, וועלכע האָבען דאָס צווייפעלהאַפטע פאַר־דינסט די פראַגע פון דער ליבע פערדונקעלט צו האָבען דאָס מע קען איהר מעהר ניט ערקענען, די פּאָעטען האָבען שנעל אַן אַנטוואָרט אויף דיזע פראַגע. זיי זאָגען אייפאַך אַז די ווירק־ליבע ליבע ענדיגט זיך קיינמאָל ניט.

און ווען צוויי ליבענדע מענשען שיידען זיך שפּעטער, וויל זייער ליבע איז קעלטער געוואָרען, דאַן זאָגען אונזערע

דיכטער איינפאַך: „דאָס איז ניט געווען די ריכטיגע ליבע.“

דיזע אַנטוואָרט איז געווים ניט קיין שווערע און יעדער איינער, וואָס בעטראַכט דאָס לעבען פון זיין ריכטיגער זייט, קען דעם גוטען פאָעט טויזענדע ביישפילע געבען פון ליבע־פערהעלטניסע, וועלכע האָבען זיך אָנגעפאַנגען מיט דער גרעסטער ליידענשאַפט אָבער טראָצדעם זיינען זיך די ליבענדע אויס־אַנאַנדער געגאַנגען.

און ווען דער דיכטער וויל אונז ענטפערען מיט זיין געוועהנליכער פראַזע, אַז די ליבע פון די צוויי מענשען איז ניט געווען די ריכטיגע, אַזוי קען מען איהם זאָפאָרט ענטפערען מיט דער פראַגע, וואו עס געפינט זיך אייגענטליך דער אונ־טערשיעד צווישען דער „ריכטיגער“ ליבע און דער אונריכטיגער. ווי אַזוי זאָל מען זיי ביידע אונטערשיידען, דען ביי ביידע געפינען מיר די זעלבע האַנדלונגען, די זעלבע צערטליכקייט די זעלבע אייפערזוכט, די זעלבע ראָמאַנטיק.

געווים, עס גיבט פעלע, וואו די ליבע ענדיגט זיך נאָר מיט דעם לעבען. אָבער אויך ביי דיזע פעלע האַנדעלט עס זיך נאָר אום די מאַכט דער געוואָהנהייט, און דעם מאַנגעל אין איינפלוס פון אַנדערע זייטען. טראָץ דעם קען מען ניט אָבלייקענען, אַז אַזעלכע, פעלע זיינען מעגליך. פאַר דיזע אויסנאַהמס־פעלע איז די מאָנאָגאַמיע אַ נאַטירליכער און בערעכטיגטער צושטאַנד, דען ביי זיי איז די אויסערע פאָרם די ריינע אָבשפיגלונג פון דעם אינערליכען פערהעלטניס פון צוויי מענשען.

אָבער ווען מען קען אויך ניט אָבשטרייטען די מעגליכקייט פון אַזעלכע ליבעס־פערהעלטניסע, אַזוי מוזען מיר דאָך צו־געבען, אַז זיי בילדען נאָר אַקליינע, פאַסט אונזיכטבאַרע מינאָריטעט פון די אַלגעמיינע געשלעכטליכע פערבינדונגען און זאָגאָר אונזערע פאָעטען געבען דאָס צו.

ווי אָבער זאָלען האַנדלען די צאָהלאָזע אינדיווידועןֿ, וועלכע פֿערבינדען זיך אין אַ בעשטימטען אויגענבליק, גלויבענדיג, אַז זייער ליבע איז אַן אייביגע, און וועלכע נאָך מאָנאַטען אָדער יאָרען פלוצלינג איינזעהען, אַז זיי האָבען בעגאַנגען אַ גרויסען אירטהום?

זאָלען זיך דיזע אינדיווידוען פֿערבינדען אַזוי שנעל ווי מעגליך?

אָבער באַלד ענדיגט זיך זייער ליבע און די לעבענס לענגליכע פֿעראייניגונג פֿון אַזעלכע פערזאָנען, איז דאַן, פונקט אַזוי אונערטרעגליך, ווי די חתונה, וועלכע עס ווערט געשלאָסען צוליב מאַטעריעלע אינטערעסען.

אָדער זאָלען זיי זיך אפשר ניט פֿעראייניגען, איידער זיי האָבען די פֿעסטע איבערצייגונג, אַז זייער ליבע וועט געדויערען ביז צום טויט?

לײדער וואָלט דיזער וועג געוועזען עטוואָס צו שווער, די וואַהרע נאַטור פֿון די געפֿיהלען לאָזט זיך ערשט שפּעטער בעשטימען, אָבער קיינמאָל ניט בעפֿאָר. אויף אַזאַ אַן אַרט מוזען די צוויי ליבענדע מענשען, וואַרטען ביז צור גסיסה, איידער זיי קענען זיך זאָגען מיט אַ גוטען געוויסען די ווערטער:

„אונזער ליבע איז געוועזען די ריכטיגע, דען זי האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי דאָס לעבען און יעצט קענען מיר זיך מיט דער גרעסטע בערוהיגונג — בעגראָבען לאָזען."

ווען די מענשהייט וואָלט פֿאָרדערען אַזאַ אַ זיכערע איבערצייגונג אַלס די פֿאָרבעדינגונג צו דער חתונה, דאַן וואָלטען מיר איבערהויפּט ניט מעהר זעהן קיין חתן כלה אין דער וועלט.

עס איז געוועזען אַגרויסער גליק, וואָס שעקספּיר'ס „ראָמעאָ און יוליאַ" זיינען געשטאָרבען יונגערהייט. ווען די טראַגעדיע

וואָלט זיך ניט געענדיגט מיט דעם פֿינפֿטען אַקט, וואַהרהאַפֿ־טיג איך בין ניט זיכער, אויב די סימפּאַטיע פֿון דיביידע הערליכע, יונגע לייט, וואָלט זיך ניט האָבען אָבגעקילט. איך האָב זאָגאַר שרעקליך מורא, אַז ראָמעאָ וואָלט זיך גענומען נאָך איינינע מאָנאַטען אַ ליובאָווניצע און יוליאַ וואָלט זיך געטרייסט מיט אַן ערעלמאַן פֿון ווראָנאַ. און עס וואָלט דאָך געווען אַן ענטזעצליכע זאַך, ווען דער עפּילאָג פֿון דער „באַלקאָן־סצענע" זאָל זיין אַ שיידונגס־פּראָצעס, אַ גט צווישען ראָמעאָ און יוליאַ.

איך געה אָבער נאָך ווייטער. אַזוי ווי איך קען ראָמעאָ און יוליאַ, וואָלט זיך זייער ליבע גאַנץ געוויס געענדיגט אויף אַזאַ אַן אַרט. זיי זיינען ביידע געווען זעהר יונג, זעהר ליידענשאַפֿטליך און זעהר אונפֿערנינפֿטיג און עס איז אַן אַל־טע ערפֿאַרונג, אַז אַ ליבע, וואָס ווערט געשלאָסען אויף אַ באַלל, און וועלכע ענטשטעהט דורך דעם ערשטען איינדרוק פֿון אַ שעהנער, קערפּערליכער ערשיינונג, קען ניט געדויערען פֿילע נעכט, אין וועלכע מען „פֿערוועקסעלט דעם געזאַנג פֿון דער נאַכטיגאַל מיט דעם מאָרגען־גרוס פֿון דער לערכע."*)

קען מען אָבער דאַרום בעהויפּטען אַז ראָמעאָ און יוליאַ האָבען זיך ניט געליבט? איך וויל זעהען דעם יעניגען וועל־כער זאָל אויפֿשטעלען אַזאַ בעהויפּטונג. און ווען די יונגע לייט וואָלטען חתונה געהאַט און זייער הייראַט וואָלט גענומען אַ שלעכטע ענרע, דאַן וואָלט דאָס נאָר געווען אַ בעוויי־ גענגען די פֿיזישע און מאָראַלישע בערעכטיגונג פֿון דער חתונה.

---

*) די לערכע איז אַ פֿויגעל. די גאַנצע שטעלע בעציהט זיך אויף בעשטימטע סצענע פֿון שעקספּיר'ס טראַגעדיע ראָמעאָ און יוליאַ.

אין דער ווירקליכקייט געפינען מיר אונטער 10000 מענער און פרויען אפשר איין איינציגעס פּאָר, ביי וועלכען די ליבע זאָל זיך ערהאַלטען פּאַר'ן גאַנצען לעבען אָהנע דאָס די בעטרעפענדע פערזאָנען זאָלען פיהלען אַ בעדירפניסע צו אַנדערע. אָבער עס איז גאַנץ זיכער, אַז די איבריגע 9999 מענשען האָבען בעשטימטע פעריאָדען אין זייער לעבען, וואו זיי האָבען געפיהלט אַ שטאַרקען בעדירפנים צו פערקעהרען מיט אַן אַנדערען אינדיווידואום, זיי האָבען געליטען, ווען זייער וואונש האָט ניט געפונען קיין בעפרידיגונג, און זיי זיינען געוועזען גליקליך ווען זייער וואונש האָט זיך ערפילט.

אָבער טראָצדעם, וואָס זייער צונייגונג איז געווען די ליידענשאַפטליכסטע וואָס עס קען נאָר געבען, איז זייער ליבע שפּעטער קעלטער געוואָרען, ווען זיי האָבען געפונדען די בעפרידיגונג, וועלכע זיי האָבען געזוכט.

האָבען אַזעלכע מענשען אפשר קיין רעכט זיך צו פעראייניגען? גאַנץ געוויס! זייער פעראייניגונג מוז זאָגאר געפאָדערט ווערען אום אינטערעסע דער מענשליכער ראַסע. אָבער יעצט קומט די צווייטע פראַגע. קען די חתונה, דיזע לעבענס־לענגליכע קייט בעפרידיגען די בעדירפניסע פון דיזע מענשען? איז זי פערטרעגליך מיט זייער גליק?

קיין עהרליכער בעאָבאַכטער פון דעם לעבען קען דיזע פראַגע ענטפערען מיט יאָ.

דער מענש איז טהאַטזעכליך קיין מאָנאָגאַמישעס טהיער און אַלע מענשליכע איינריכטונגען וואָס גרינדען זיך אויף דער מאָנאָגאַמיע זיינען מעהר אָדער וויינגער אוננאַטירליך, דען זיי זיינען נאָר אַ לאַסט פאַר'ן מענשען. אַלטע געוואָהנהייטען און פאָראורטהיילע בעווייזען גאָר ניט געגען דיזע ביאָלאָגישע טהאַטזאַכע.

לאָמיר נאָר בעאָבאַכטען די געהיימסטע און צאַרטעסטע

געפיהלען אין די הערצער פון צוויי ליבענדע מענשען. איז עס מעגליך, אז דאס געליבטע וועזען זאל אויספילען אין גאנצען דעם פלאץ אין דעם הערצען פון דעם ליבענדען וועזען, אזוי אז עס בלייבט ניט מעהר קיין געפיהל, קיין וואונש, קיין בעדירפניס פאר אן אנדערעס וועזען?

איך לייקען דאס גאנץ ענטשידען. ווער עס איז אויפריכטיג דער מוז צו געבען, אז מאן און פרוי האבען זאגאר אין דער העכסטער ליידענשאפט פון א יונגער ליבע נאך א דונקעלע עקע אין זייערע הערצער, וואו עס געפינען זיך די קיימען פון אנדערע סימפאטיען און בעדירפניסע.

מע קען דיזע געהיימע געפיהלען אונטערדריקען, מע קען אפשר פארהינדערען, דאס זיי זאלען זיך ענטוויקלען, אבער מע פיהלט זייער עקזיסטענץ און יעדער ווייסט, אז זיי וועלען גרעסער און מעכטיגער ווערען, ווען מע לאזט עס צו. ווי שלעכט עס זאל ניט קלינגען פאר אונזערע היפאקריטישע וועלט, אזוי מוז איך עס דאך אפען זאגען:

מע קען ליבען מעהרער פערזאנען אין דער זעלבער צייט, מיט דער זעלבער צערטליכקייט, און מען ברויכט אבסאלוט ניט ריידען קיין ליגען, ווע מען פארזיכערט יעדע פון די פערשידענע פערזאנען אויפריכטיג צו ליבען.

ווי גרויס עס זאל ניט זיין אונזער ליבע צו א בעשטימטען וועהזען, אזוי פיהלען מיר דאך אימער דעם איינפלוס פין דעם גאנצען אנדרען געשלעכט. דאס ריינסטע, ליבענדע ווייב בלייבט אימער א טהייל פון דער אלגעמיינער ווייבליכקייט און דער עהרליכסטער, ליבענדער מאן בלייבט אימער נאר א טהייל פון דער אלגעמיינער מעגליכקייט. מיר פיהלען אימער די נאטירליכע אנציהונג פון דעם אנדערען געשלעכט און אונטער געוויסע גינסטיגע אומשטענדען, קען זיך ענטוויקלען אויס דיזער אלגעמיינען אנציהונג, א צונייגונג צו א

בעשטימטען אינדיווידואום. אַזוי איז געוועהנליך די ערשטע ליבע ניט אַנדערש, אַן איבערטראַגונג פֿון דער אַלגעמיינער געשלעכטס־אַנציהונג אויף אַ בעשטימטע פֿערקערפּערונג פֿון דעם אַנדערען געשלעכט און אין דער רעגעל איז עס דאָס ערשטע וועזען מיט וועלכען מע ווערט נעהנטער בעקאַנט.

איך וויל דאָ אויסדריקליך ווידערהאָלען, אַז איך רעד יעצט נאָר פֿון דעם בעסערען און כאַראַקטער־פֿעסטען טהייל פֿון דער מענשהייט, דען פֿון דעם דורכשניטס מענשען לאָהנט זיך איבערהויפּט ניט צו ריידען.

די אונבעדינגטע טרייקייט ליגט ניט אין דער מענשליכער נאַטור; זי איז ניט קיין פֿיזיאָלאָגישע ערשיינונג פֿון דער ליבע, און טראָצדעם מע פֿאָדערט זי, אַזוי איז דאָס נאָר דער אויסדרוק פֿון דעם עגאָאיסטישען געפֿיהל אין מענשען, אָבער קיינמאָל ניט אַ בעגרינדעטע נויטווענדיגקייט פֿון דער מענש־ליבער ראַסע.

דער בעסטער בעוויז, אַז די טרייקייט האט ניט וואָס צו טהאָן, מיט דעם נאַטירליכען צוועק דער ליבע, דער בעס־טער בעוויז, אַז זי איז ניט מעהר, ווי אַ קינסטליכע זאַך, אַן אויסדרוק פֿון זעלבסט־זוכט און געוועהנליכער עגאָאיזמוס. איז דער אונטערשיד צווישען די פֿערפּפֿליכטונגען, וועלכע די געזעלשאַפֿט פֿאָדערט פֿון'ם מאַן, און וועלכע זי פֿאָדערט פֿון דער פֿרוי, ווען די געשלעכטליכע טרייקייט וואָלט געוועזען אַן אָרגאַנישע נויטווענדיגקייט פֿון'ם מענשען, דאַן האָט דער מאַן פּונקט די זעלבע מאָראַלישע פּפֿליכטען, ווי די פֿרוי, אָבער דאָס איז ניט דער פֿאַל, די פֿאָדערונג דער טרייקייט אין דער ליבע, איז נאָר אַ מאַניפֿעסטאַציאָן פֿון דעם מענשליכען עגאָ־איזמוס; ווייל דער מאַן איז געוועזען שטאַרקער ווי די פֿרוי, דאַרום האָט ער אויסגעבילדעט די עפֿענטליכע מיינונג צו זיין פֿאָרטהייל און צום נאַכטהייל פֿון דער פֿרוי.

דער מאַן פֿאָדערט פֿון דער פֿרוי אונבעדינגטע טרייקייט, אָבער ער גיט איהר ניט קיין רעכט דאָס זעלבע צו פֿאָדערען פֿון איהם. ווען די פֿרוי איבערטרעט דאָס געבאָט פֿון דער טריי־קייט, דאַן האָט זי בעגאַנגען אַ טויט־זינד און די אַלגעמיינע פֿעראַכטונג איז איהר שטראָף. ווען אָבער דער מאַן טהוט דאָס זעלבע, דאַן בעטראַכטעט מען עס פֿאַר אַ קליינען פֿעהלער, מען שמייכעלט זאָגאַר איבער די צאָהלרייכע ליבעס־עפּיזאָדען אין לעבען פֿון'ם מאַן. און דאַביי דאַרפֿען מיר ניט פֿערגעסען, דאָס דער מאַן איז די מעהרסטע פֿעלע דער איניציאַטאָר' די אַקטיווע פֿערזאָן, וועלכער ברעכט די פֿפליכט פֿון דער טרייקייט מיט געשטימטע אַבזיכטען און פֿולען בעוואוסטזיין, וועהרענד די פֿרוי שפּילט געוועהנליך נאָר אַ פּאַסיווע ראָלע און דער פֿאַל פֿון יוסף און פּוטיפֿר'ס ווייב, געהערט צו די גרעסטע זעלטענהייטען.

אין אינדיען האָט דער עגאָאיזמוס פֿון'ם מאַן עררייכט זיין העכסטען גראַד. דער אינדיער בעטראַכטעט דאָס ווייב אַלס זיין אַבסאָלוטעס אייגענטהום און די פֿאָרדערונג פֿון דער ווייבליכער טרייקייט האָט דאָרטען אָנגענומען אַזאַ גרויזאַמע פֿאָרם, אַז מען צווינגט זאָגאַר די אלמנה נאַכצופֿאָלגען איהר מאַן אין דען טויט, מע צווינגט די כלה צו בעשטייגען דעם שייטערהויפֿען און זיך לאָזען פֿערברענען לעבענדיגערהייט, ווען איהר חתן איז געשטאָרבען. דער מאַן אָבער האָט ניט די גרינגסטע פֿערפֿליכטונגען, ווען זיין פֿרוי איז געשטאָרבען און די עפֿענטליכע מיינונג האַלט עס פֿאַר אַ זעלבסט פֿער־שטענדליכע זאַך, ווען ער זאָל נעמען זאָפֿאָרט אַ צווייטע פֿרוי.

אין אייראָפּאַ האָט דער עגאָאיזמוס פֿון'ם מאַן ניט ער־רייכט אַזאַ שרעקליכע פֿאָרם. נאָר אייניגע משוגע'נע פּאָעטען רעדען פֿון אַ טרייקייט זאָגאַר נאָך דעם טויט, אָבער זאָגאַר

דיזע מענשעלאַך זיינען וויינינגסטענס אויף אַזוי פיל גערעכט, וואָס זיי פאָדערען דיזע טרייקייט פוןביידע געשלעכטער. מענשען מיט אַ געזונטען פערשטאַנד, גלויבען נאַטירליך ניט אין אַזעלכע נאַרישקייטען; די איירעפּאעישע מאָראַל גיבט זאָ־גאַר צו — פּראַקטיש, ווי אויך טעאָרעטיש — אַז די ליבע קען זיך ענדיגען, זי גיבט צו אַז מענשען קענען ליבען מעהרערע מאָל אין לעבען און אז די טרייקייט ענדיגט זיך מיט דער ליבע. מע בעטראַכט עס פאַר גאַנץ מאָראַליש, ווען אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וועלכע האָבען זיך געשיידט פערהייראַטען זיך צום צווייטען מאָל אָדער ווען אַן אלמנה זאָל זיך פעבינדען מיט אַ נייען מאַן.

ווען די פרוי וואָלט געווען שטאַרקער פאַר דעם מאַן, דאַן וואָלטען אויך אונזערע בעגריפע איבער די טרייקייט האָבען אַ גאַנץ אַנדער פאָרם. דאַן וואָלט די פרוי געהאַט דאָס עפענטליכע פּריווילעגיום, צו פערקעהרען מיט אַנדערע מענער און דער מאַן וואָלט געווען דאָס אָפּפער פון דער עפענטליכער מיינונג.

עס איז זעהר שווער צובעשטימען די נאַטירליכע דויער פון דער ליבע, בעזאָנדערס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, מיט אונזערע לעבערליכע מאָראַל־אַנשויאונגען. די וויסענשאַפטליכע בעאָבאַכטונגען פון די העכער ענטוויקעלטע טהיר־קלאַסען בעווייזען אונז, אַז די ליידענשאַפט פון אַ בעשטימטען מענליכען טהיער צו אַ בעשטימטען ווייבליכען געדויערט נאָר זעהר אַ קורצע צייט און זאָגאַר ביי די וויינינע טהיר־קלאַסען, ווי עס הערשט געוויסע טרייקייט, עקזיסטירט דיזע טרייקייט נאָר אַזוי לאַנג ביז צו דער געבורט פון דעם ערשטען קינד. ווי שטאָלץ מיר זאָלען ניט זיין אויף אונזער אייגענשאַפט אַלס מענשען, אַזוי איז עס דאָך אַן אונבעשרייבבאַרע טהאַטזאַכע, דאָס אום אוים צו געפינען דעם אונטערשיעד צווישען נאַטירליך און אוננאַטירליך ביי׳ן

מענשען, מוזען מיר אונטערזוכען די צושטענדע און בעדינגונגען אין'ם טהיר רייך, דען די מענשליכע ראַסע ווערט רעגירט פֿון די זעלבע לעבענס געזעצע, ווי די טהיר וועלט. דיזע פֿערגלייכונגס מעטהאָדע פֿיהרט אונז צום שלום, אַז די ליבע ענדיגט זיך דאַן, ווען זי האָט עררייכט איהר ציעל און ערפֿילט איהר אויפֿגאַבע, פּונקט ווי דער הונגער ענדיגט זיך, ווען מיר האָבען בעפֿרידיגט דאָס בעדירפֿניסע צו עסען. ווען דאָס איז דער פֿאַל, דאַן האָט די חתונה פֿערלאָרען איהר אָרגאַנישע בערעכטיגונג און זי מוז ווערען פֿריהער אָדער שפּעטער אַ ליגען, זעלבסט דאַן, ווען זי איז געשלאָסען געוואָרען אויס ליבע.

געוויס, מע קען אָנפֿיהרען פֿילע אַרגומענטען געגען דיזע אַנזיכט, וועלכע מוז אונז לאָגישער ווייזע פֿיהרען צור אָבשאַפֿונג דער הייראַט. דאָס הויפּט אַרגומענט איז פֿאָלגענדעס: עס איז מעגליך, אַז דער נאַטירליכער אינסטינקט פֿון'ם מענשען איז פּאָליגאַמיש; (פּאָליגאַמיע איז דער געשלעכטליכער פֿערקעהר מיט פֿערשידענע מענער און פֿערשידענע פֿרויען) עס איז מעגליך, אַז ער האָט דאָס בעדירפֿניס צו פֿערקעהרען מיט פֿערשידענע וועזען פֿון דעם אַנדערען געשלעכט. אָבער דער מענש האָט אויך נאָך אַנדערע אינסטינקטען. עס איז גראַדע זיינע אויפֿגאַבע אַלס מענש, צו בעקעמפּפֿען זיינע אינסטינקטען און בעדירפֿניסע, ווען ער ערקענט, אַז זיי זיינען שלעכט און שעדליך.

דיזעס אַרגומענט האָט לײדער קיין פֿעסטען באָדען, פֿאַר אַלעם איז עס לעכערליך צו בעצייכנען דעם פּאָליגאַמישען אינסטינקט אין מענשען אַלס שלעכט. וואָס פֿאַרע בעווייזע קענען מיר ברײנגען פֿאַר זיין שלעכט זיין? עס איז ביז יעצט נאָך ניט בעוויזען געוואָרען, דאָס די פּאָליגאַמיע זאָל זיין שעדליך פֿאַר די ענטוויקלונג דער מענשהייט. און אַזוי לאַנג

מיר האָבען ניט אַזעלכע בעווייזע, קענען מיר אידער קיינמאָל ניט בעטראַכטען פֿאַר אַ שלעכטע זאַך. אים געגענטהייל! מע האָט שוין געמאַכט די גרעסטע אַנשטרענגונגען דעם פּאָליגאַמישען אינסטינקט צו אונטערדריקען, אָבער אַלעס איז געוועזען אומזיסט.

די רעליגיאָן האָט די פּאָליגאַמיע פֿערפֿלוכט; דאָס געזעץ האָט איהר פֿערדאַמט; די עפֿענטליכע מיינונג ערקלערט איהר פֿאַר אונמאָראַליש, טראָצדעם עקזיסטירט זי ביז אויף'ן היינ־טיגען טאָג אין אַלע קולטור לענדער, טראָץ מאָראַל און הייראַט.

אונטער הונדערט טויזענד מענער געפֿינען מיר אפֿשר איין איינציגען, וועלכער קען זאָגען מיט אַ גוטען געוויסען, אַז ער האָט נאָר פֿאַרקעהרט מיט איין ווייב אין זיין גאַנצען לעבען. ווען די פֿרוי בעפֿאָלגט שטרענגער דאָס פּרינציפּ פֿון דער געשלעכטליכער טרייקייט, ווי דער מאַן, אַזוי איז עס ניט דערפֿאַר, ווייל זי האָט ניט קיין בעדירפֿניס צו פֿערקעהרען מיט מעהרערע מענער, זאָנדערען נאָר דערפֿאַר, ווייל די אָפֿיציעלע מאָראַל בעוואַכט שאַרפֿער דאָס ווייב און בעשטראָפֿט זי האַרטער ווי דעם מאַן.

עס איז קלאָר און אונבעשטרייטבאַר, דאָס דער פּאָלי־גאַמישער אינסטינקט, וועלכער האָט זיך ערהאַלטען צום טראָץ פֿון אַלע שטראַפֿען און מאָראַל אַנשויאונגען, מוז זעהר טיעף בעגרינדעט זיין אין דער מענשליכער נאַטור, דען אונזערע גאַנצע ציוויליזאַציאָן איז ניט געוועזען אין שטאַנד איהם צו אונטערדריקען.

אַן אַנדערער אַרגומענט פֿאַר די בערעכטיגונג און נויט־ווענדיגקייט דער מאָנאָגאַמיע איז פֿאָלגענדער:

עס איז וואַהר, דער קווינט עסענץ פֿון דער מענשליכער ליבע איז ניט אַנדערש, ווי דאָס נאַטירליכע באַדירפֿניס גע־שלעכטליך צו פֿאַרקערען מיט אַ בעשטימטען אינדיווידואום.

אָבער מיר געפינען נאָך א צווייטען עלעמענט אין דער ליבע, די גייסטיגע געמיינשאַפט פון דעם געליבטען וועזען, די פריינד־שאַפט. און דיזער עלעמענט איז שטאַרקער און דויערהאַפטער, ווי דער פילאָזאָפישער עלעמענט. עס איז גאַנץ געוויס, דאָס די געפיהלען, וועלכע פערבינדען אונז מיט אַ געליבטען וועזען, זיינען ניט מעהר די זעלבע, ווען מיר האָבען עררייכט אונזער ציעל, דעם בעזיץ פון דיזען וועזען. אָבער אויך אונזערע שפעטערע געפיהלען זיינען נאָך גענוג שטאַרק, גענוג מעכטיג, אום דעם וואונש און די נויטווענדיגקייט פון אַ לעבענסלענגליכען צוזאַמענלעבען צו באַגרינדען.

לאָמיר אַלזאָ דיזען אַרגומענט עטוואָס נעהער בעטראַכטען און אונטערזוכען זיין לאָגישע בערעכטיגונג.

עס איז מעגליך, דאָס ביי צוויי גייסטיג העכער שטעהענדע וועזען, וועלכע זיינען פערבונדען, דורך אַן אידעאַלע פריינד־שאַפט, עס איז מעגליך, דאָס ביי דיזע מענשען האָט די מאָנאָגאַמיע אַ פעסטערען באָדען, ווי געוועהנליך.

אָבער זאָגאַר ביי די טרייעסטע און אידעאַלסטע כאַראַקטערע, ווי מעכטיג עס זאָל ניט זיין זייער ליידענשאַפט, אויך ביי זיי געפינען מיר אַ פערענדערונג אין זייער ליבע, נאָך דער ערשטער צייט פון דער חתונה אָדער נאָך דעם געבורט פון'ם ערשטען קינד. אפשר פיהלען זיי ניט אַזוי שטאַרק דעם יאָך פון דער הייראַט, ווי אַנדערע, אָבער אויך זיי האָבען נישט קיין שוץ געגען אַ נייע ליידענשאַפט, אַ נייע ליבע, וועלכע זאָל אויפוועקען זייער בעדירפנים צו אַן אַ אַנדער וועזען.

נאַטירליך האָט די מאָנאָגאַמיע א מעכטיגע אונטערשטיצערין, די געוואָהנהייט.

די געוואָהנהייט איז אַ שוץ, ווען אויך אַ זעהר שוואַכער שוץ, געגען דעם פאָליגאַמישען אינסטינקט אין מענשען. ווען

דאָס צוזאַמנלעבען פֿון צוויי מענשען, וועלכע האָבען זיך געליבט פֿאַר א קורצע צייט, און וועלכע האָבען דאדורך בעוויזען אַ האַרמאָנישען געפֿיהל צווישען זיך, ווען אַזאַ צו־זאמענלעבען געדויערט לענגער, ווי די ליבע דאַן איז עס פֿיל פֿאַך צוריקצופֿיהרען אויף די געוואָנהייט. די געוואָנהייט איז אין דיזען פֿאַל די מוטער פֿון דער טרייקייט.

אפשר פֿיהלען אַזעלכע פערזאָנען ניט מעהר קיין שפור פֿון ליבע צו איינאַנדער, ווען זיי האָבען צוזאַמען געלעבט אַ קורצע צייט; אפֿשר עקזיסטירט מעהר זאָגאַר קיין אינערליכע פֿריינדשאַפֿט צווישען זיי, אָבער די געוואָנהייט האַלט זיי צוזאַמען.

ווען די וואָרצעל פֿון א בוים ווערט פֿערשטיינערט, דאַן פֿערליערט זי נאָך און נאָך אלע איהרע פֿריהערדיגע אינער־ליכע בעשטאַנד טהיילע, וועלכע מוזען פלאַץ מאַכען פֿאַר פֿרעמדע שטאָפֿען. דיזער פֿאָרגאַנג געדויערט א לאַנגע צייט. די אויסערליכע פֿאָרם פֿון דעם וואָרצעל בלייבט די זעלבע, אָבער איהרע אמאָליגע אָרגאנישע צוזאמענזעצונג איז געוואָרען אן אנדערע. די אויסערליכע געשטאַלט פֿון דער וואָרצעל איז געבליבען די אַלטע אָבער דער אינהאַלט האָט זיך פֿער־ענדערט.

די זעלבע ערשיינונגס־פֿאָרם געפֿינען מיר אויך אין דעם צוזאַמען לעבען פֿון געוויסע מענשען. ביי זיי איז די ליבע פֿערשוואונדען געוואָרען, ניט מיט אַמאָל, נאָר לאַנגזאַם, נאָך און נאָך, ביז זייערע געפֿיהלען זיינען אינגאַנצען פֿערשטיינערט געוואָרען. צו לעצט בלייבט נאָר נאָך די אויסערליכע פֿאָרם פֿון'ם צוזאַמען לעבען, אָבער דער אינהאַלט איז פֿערשוואונדען געוואָרען אין גאַנצען.

און דיזע אויסערליכע, קאַלטע און לעבענסלאָזע פֿאָרם איז טראָץ איהר טויטקייט שטאַרק און ווידערשטאַנד־פֿעהיג, דען

זי איז בעגרינדעט אויף דער געוואָנהייט.

ווען עס זיינען דאָ קינדער, דאַן איבערטראָגט זיך די צערטליכקייט פון די עלטערען אויף די קינדער און עס ענטשטעהט אַ נייע ליבע, וועלכע פערבינדעט די עלטערען פעסט צוזאַמען, טראָצדעם, וואָס די ליבע איז שוין לאנג פערשוואונדען געוואָרען.

אויסערדעם ווערט דער ליבעס־אינסטינקט זעהר פיל אָבגעשוואַכט דורך דאָס באַנד פון דער חתונה און ווען דיזעס באַנד איז אויך ניט גענוג שטאַרק צו דערשטיקען יעדע אַנדערע נייגונג, אזוי זיינען זיי דאָך לייכטער צו אונטערדריקען. דען די חתונה האָט געמאַכט אויס דעם צוזאַמען לעבען אַ געוואָנהייט. צו לעצט בלייבט נאָר נאָך איבער אַ טיפע און זיסע ערינערונג פון די פערגאַנגענע ליבעס־צייט און דיזע ערינערונג שאַפט אַגעוויסע דאַנקבאַרקייט צו דעם וועזען, וועלכעס מען האָט אַמאָל געליבט. דיזע דאַנקבאַרקייט איז אויך נאָך אַ געוויסע שטיצע פון דער מאָנאָגאַמיע.

אָבער טראָץ אַלע דיזע גרינדע, גיבט עס דאָך טויזענדע פעלע, וואו קיין זאַך איז אין שטאַנדע צו אונטערדריקען אַ נייע ליידענשאַפט, ווער די געוואָהנהייט נאָך קינדער, נוער דאַנקבאַרקייט נאָך עראינערונגען.

טהעאָרעטיש אַנאַרקענט די געזעלשאַפט אויך די בערעכטיגונג פון דיזע פעלע און אין פערשידענע, פאָרטגעשריטענע לענדער האָט זי איינגעפיהרט די שיידונג.

אָבער אין דער פראַקטיק בעפעסטיגט מען נאָך דאָס פאָראורטהייל פון דער מאָנאָגאַמישער טהעאָריע און די יעניגע פערזאָנען, וועלכע האַנדלען נאָך זייערע נייגונגען, מוזען פיהלען דעם דרוק פון דער עפענטליכער מיינונג.

דיזעס פאָראורטהייל און די פורכט פאַר דער עפענטליכער מיינונג זיינען די אורזאַכען, וואַרום פילע שוואַכע

כאַראַקטערע ציהען פֿאָר דעם ליגען פֿון דער וואַרהייט. זיי ציהען פֿאָר זיך געגענזייטיג צו בעטריגען, אַנשטאַט עהרליך און פֿריי פֿונאַנדער צו געהען.

אַזוי לאַנג די געזעלשאַפֿט וועט ניט אַנערקענען די בעךרעכטיגונג פֿון פֿריי צו האַנדלען אין דיזע פֿעלע, זאָ לאַנג די עפֿענטליכע מאָראַל, וועט ניט אַכטען יענע מענשען, וועלכע ויינען ענטשלאָסען צו צוברעכען די פֿאָרם, ווען דער אינהאַלט איז פֿערלאָרען געגאַנגען, מענשען, וועלכע ווילען ניט פּראָסךטיטואירען זייערע נאַטירליכע געפֿיהלען, אַזוי לאַנג וועט אונזער געשלעכטס-לעבען בלייבען אַ קוועלע פֿון קאָרופּציאָן און היפּאָקריטיזמוס.

ערשט ווען די אַלגעמיינע אַנשויאונגס-ווייזע, וועט אַנערךקענען די נאַטירליכע ליידענשאַפֿטען און בעדירפֿניסע ערשט דאַן, וועט אונזער געשלעכטס-לעבען ערהאַלטען זיין נאַטירליכען און בערעכטיגטען כאַראַקטער.

— ענדע —

אויסגאבען פון אונזער אייגענעם פערלאג

ביז יעצט ערשינען

די טרוימער פון דער גהעטא

פון ישראל זאַנגוויל, איבערזעצט פון א. פרומקין. דער ערשטער טהייל ענטהאַלט 2 גאַנצע געענדיגטע סקיצען, 2 פאָררעדעס פון פערפאַסער (איינע ספעציעל געשריבען פיר די אידישע אויסגאַבע) ווי אויך אַ בילד פון זאַנגוויל. אַ פראַכטפאָלע אויסגאַבע, געדרוקט אויף דעם בעסטען פאַפיר. פרייז אין ענגלאַנד 9 פענס, אַמעריקאַ 20 סענט, רוס: 40 קאָפּ.

די טרוימער פון דער גהעטאָ, צווייטער טהייל ענטהאַלט אַ גאַנצע סקיצע **אוריאל אקאסטא** ווי אויך אַ פראַכט-פאָלע בילד פון אוריאל אַקאָסטאַ.

פרייז אין ענגלאַנד 6 פענס, אַמעריקאַ 15 סענט, רוסלאַנד 30 קאָפּ.

גלויבען און פערנונפט

פון דזשאָהן מעסליע. אייגער פון די וואונדערבאַרסטע ביכער, וועל-כער ענטהאַלט אַ בריליאַנטענע קריטיק איבער די ווידערשפריכע און אַבערגלויבען פון רעליגיאָן, געשריבען פון אַ גלח העכער 2 הונדערט יאָהר צוריק.

פרייז אין ענגראַנד 1ש. 6פּ., אַמעריקאַ 40 סענט, רוסלאַנד 80 קאָפּ.

עדעלשטאדטס שריפטען

די לאָנדאָנער אויסגאַבע פון עדעלשטאַדט'ס ריהרענדע סקיצען איז יעצט פיעל שעהנער ווי די פריהערדיגע. אויך איז יעצט צוגעגעבען אַ נייע סקיצע „מיוזיק". פרייז 5 פענס, אַמעריקאַ 10 סענט.

א פינפפאכער מארד

דער פינפפאַכער מאָרד איז קיין שונד ראָמאַן נאָר אַ העכסט בעלעה-רענדע שילדערונג פון דער אַרבייטער בעוועגונג, געשריבען פון אַ בעוואוסטען אַרבייטער פיהרער. פרייז 4 פענס, אַמעריקאַ 10 סענט.

באַרשאַווער'ס בילדער און געדאנקען

איז יעצט פערגרעסערט געוואָרען אויף 64 זייטען און איז העכסט אַרטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאַפיר. עס איז די שעהנסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראַטור. פרייייז 5 פענס, אַמעריקאַ 10 סענט.

באַרשאַווער'ס ליעדער און געדיכטע

אַ נייע זאַמלונג פון ליעדער, וועלכע זיינען ביז איצט נאָך ניט געווען געדרוקט אין בוכפאָרם. פרייז 5 פענס, אַמעריקאַ 10 סענט.

באוושאווער׳ס פאעזיע און פראזא

א ביכעל פון 128 זייטען, ענטהאלט צוזאמען די „ליעדער און געדיכטע"
און „בילדער און געדאנקען". פרייז 9 פענס, אמעריקא 20 סענט.

זאלען זיך קבצנים מעהרען

פערהייראטהע מענער וואס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאנצען
לעבען, פרויען וואס ווילען ניט קראנק זיין דעם גאנצען לעבען, זאלען
קויפען דעם ביכעל. עס וועט זיי אויסהיטען פון ארעמקייט, פון קראנק-
הייט און פון אלעם בייז. פרייז אין ענגלאנד 1 פעני.

פון וואנען שטאמען די היינטיגע אידען?

א העכסט בעלעהרענדע בראשורע פון ב. פייגענבוים. פרייז אין ענג-
לאנד 2½ פענס, אמעריקא 6 סענט, רוסלאנד 12 קאפיקעס.

די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראשורע איבער רעליגיאן פון דר. מאקס נארדוי
פרייז 1 פעני, אין אמעריקא 3 פענס.

דער ליגען פון דער חתונה

פון דר. מאקס נארדוי, פרייז אין ענגלאנד 2½ פענס, אמעריקא 6
סענט, רוסלאנד 12 קאפיקעס.

על נהרות בבל

אן אויסגעצייכענטע קריטיק איבער רעליגיאן פון גראף דע וואלניי,
איבערזעצט פון א. טאנענבוים. ענטהאלט 82 זייטען, פרייז 5 פענס,
אין אמעריקא 10 סענט.

קאנאוואלאוו

איינע פון מאקסים גארקי׳ס בעסטע ערצעהלונגען. ענטהאלט 72 זייטען,
פרייז 5 פענס, אין אמעריקא 10 סענט.

דער בראדיאגא

א זעהר אינטערעסאנטע ערצעהלונג פון בראדיאגא לעבען, פון מאק-
סים גארקי. פרייז 3 פענס, אין אמעריקא 6 סענט.

דער מענש און זיין נשמה

א וויסענשאפטליכע אבהאנדלונג איבער דעם וואס מיר רופען נשמה
פון דר. אינגערמאן. פרייז 3 הייפענס, אין אמעריקא 3 סענט.

גאט, רעליגיאן און מאראל

א קריטיק איבער רעליגיאן פון פיליפ קראניג, פרייז 2 פענס, אין
אמעריקא 5 סענט.

אלע בעשטעלונגען צו אדרעסירען:

Radical Publishing Co., 71, Hanbury Street, Brick Lane, E.